STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04923

DI YUDISHE SHUL

Leyb-H Yafeh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. ח. יפה.

די יודישע שול

א זאמלונג

פון שריפטליכע איבונגען צום ערלערנען די יודישע אָרטהאָגראפיע
און צום אויסלעגען געדאנקען.

ווילנא תרע"א.
דרוקעריי דער געזעלשאפט „דרוק און פערלאג" זאוואלנע גאס נומער 21.
1911

Еврейская школа

Сборникъ письменныхъ упражненій для изученія еврейской оргографіи и изложенія мыслей.

Составилъ **Л. Х. Іоффе.**

Набрано въ Тип. Т-ва „Печать и Изданіе" Вильна, Завальная 21.

Печатано въ Тип. Ф. ГАРБЕРА, Вильна, Завальная ул. 25.

1911.

פאָרוואָרט.

יעדער לעהרער, וועלכען עס איז אויסגעקומען צו לערנען קליינע קינדער אָדער ערוואקסענע ארבייטער אין די אָוועגד־שולען לעזען און שרייבען יודיש, וויים, ווי נויטיג עס איז א בוך, וואָס זאָל ענטהאלטען אין זיך סיסטעמאטישע איבונגען צום ערלערנען די יודישע אָרטהאָגראפיע.

מען קען אפילו זאָגען, און עס זאָגען טאקי פיעלע: „וועגען וועלכע יודישע אָרטהאָגראפיע רעדט זיך דאָס? ווער האָט עס איהר בעשאפען און סאנקציאָנירט?“ מיר דוכט זיך, אז די עקסיסטענץ — פון דער יודישער אָרטהאָגראפיע איז אויך אזא פאקט, ווי די עקסיסטענץ פונ׳ם יודיש גופא: עס ערשיינען דאָך יודישע טעגליכע צייטונגען, וואָכענשריפטען און אלערליי ביכער, און זיי אלע ווערען געדרוקט כמעט מיט איינער און דער זעלבער אָרטהאָגראפיע. מיר דוכט זיך, אז שרייבען ניט אזוי, ווי עס איז איצט אָנגענומען — הייסט שרייבען פעהלערהאפט, מיט גרייזען. אָט דער כלל האָט מיר געדיענט פאר א וועגווייזער אינ׳ם בעארבייטען און סיסטעמאטיזירען די פראגען פון דער יודישער אָרטהאָגראפיע.

איך קען ניט אָבלייקענען, אז עס זענען זעהר נויטיג פיעל רעפאָרמען אינ׳ם שרייבען יודיש. די אויפצייכנונג פונ׳ם וואָרט לויט דער אָנגענומענער אָרטהאָגראפיע איז אָפט ניט גאנץ עהנליך צום אויסריידען. נאָר איך האָב ניט געהאט די העזה אליין אויסצוארבייטען די נויטיגע רעפאָרמען און מיט זיי ארויסצוטרעטען. זאָלען די אויפגאבע ערפילען געניטערע פון מיר. מיין אויפגאבע איז געווען — שאפען א בוך, וואָס זאָל פערלייכטערען דאָס אויס־לערנען זיך שרייבען ריכטיג יודיש, לויט דער אָנגענומענער אָרטהאָגראפיע.

דאָס פאָרליעגענדע בוך איז אויסגעוואקסען פון דער פראקטיק. פיעל פונ׳ם מאטעריאל, וואָס איז אהער אריין, איז שוין אויסגענוצט געוואָרען מיט גרויס ערפאָלג פון מיר אליין און פון אייניגע מיינע קאָלעגען אין אָוועגד־שולען פאר ערוואקסענע און אויך אין שולען פאר קינדער. עס בעשטעהט

פון צוויי אָבטיילונגען. די ערשטע אָבטיילונג איז בעשטימט נור צום ערלערנען די אָרטהאָגראַפיע; די צווייטע אָבער ענטהאַלט אין זיך פערשידענע איבונגען אינ׳ם אויסלעגען די געדאַנקען. איך געפין פאַר איבעריג עפּעס צו זאָגען װעגען די נויטיגקייט פון די איבונגען, װעלכע זענען אריין אין די צווייטע אָבטיילונג פונ׳ם פאָרליעגענדען בוך. געגען זייער נויטיגקייט, גלויב איך, װעט קיין לעהרער גאַר נישט זאָגען.

מיין ארבייט האָט מיר פיעל פערגרינגערט די „יודישע גראַמאַטיק״ פון ה׳ ז׳ רייזען.

צוליעב די בעדינגונגען פונ׳ם יודישען ביכער־מאַרק מוז דאָס בוך ערשיינען אָהן בילדער. אויסער דעם פעהלער האָט מיין בוך געוויס נאָך פיעלע. איך װעל מיט גרויסער דאַנקבאַרקייט אָננעהמען פערשיעדענע בעמערקונגען.

דער פּערפאַסער.

איינינע בעמערקונגען פאַר די לעהרער.

עס איז פעסטגעשטעלט אין דער פּעדאַגאָגיק, אַז דאָס וויכטיגסטע ביים לערנען ריכטיג שרייבען איז דער רושם, וואָס בלייבט אין אויג פונ׳ם ריכטיג אָנגעשריבענעם אָדער אָנגעדרוקטען וואָרט, און די איבונג פון די מוסקעלען אינ׳ם ריכטיג שרייבען.

צוליעב דעם איז דער ערשטער טייל פון מיין בוך בעשטימט הויפּטזעכליך צום איבערשרייבען. יעדער § פון דעם טייל איז בעשטימט צום ערלערנען אַ בעשטימטען כלל פון דער יודישער ארטהאָגראַפיע. די §§ 1—16 און 30—34 בעשטעהען יעדער פון צוויי טיילען, בעצייכענטע מיט **א.** און **ב.** אינ׳ם טייל **א.** ענטהאַלט זיך מאַטעריאַל אויף איבער צו שרייבען און אונטער צו שטריכלען געוויסע טיילען פונ׳ם וואָרט; אינ׳ם טייל **ב.** זענען געוויסע בוכשטאַבען דורכגעלאָזען, און דער שילער דאַרף זיי אריינשטעלען. אין אנפאַנג פון דעם טייל **ב.** איז שטענדיג געגעבען א כלל פון דער אָרטהאָגראַפיע.

די כללים מוזען די שילער גענוי פערשטעהן און וויסען, האָטש, עס איז ניט נויטיג, זיי זאָלען זיי קענען פאָרמולירען.

די §§ **17—21** ענטהאַלטען אין זיך מאַטעריאַל צום ערלערנען דאָס בענוצען די „ספק׳דיגע״ אותיות ב—פ, ג—ק אי א. וו. אין אָנפאַנג פון יעדער § איז געגעבען אַ כלל, און דער מאַטעריאַל גופא בעשטעהט נאָר פון ווערטער מיט דורכגעלאָזענע „ספק׳דיגע״ אותיות.

די §§ 22—30 בעשטעהען יעדער פון דריי אָבטיילונגען, בעצייכענטע מיט **א.**, **ב.**, און ג. דער טייל **א.** איז אויף איבער צו שרייבען און אונטער צו שטריכלען; דער טייל **ב.** איז דער טעאָרעטישער— דאָרט איז פאָרמולירט דער כלל, און עס זענען געגעבען ווערטער אויף אויסצולערנען; דער טייל ג איז א פּראַקטישער—אריינצושטעלען די דורכגעלאָזענע אותיות.

נאָך דעם § 34 זענען געגעבן געמישטע פּראַזען צום דיקטאַט און גאַנצע אַרטיקלען, גענומענע פון אונזערע בעסטע שרייבער, אויך צו דעם זעלבען צוועק.

ווי די פּראַקטיק ווייזט, געוועהנען זיך די שילער גאַנץ לייכט צו שרייבען ריכטיג אין די אַלע פאַלען, ווען עס ווערען בענוצט די כללים פון די §§ 1—21. גאַנץ אַנדערש איז אָבער די זאַך מיט דעם מאַטעריאַל פון די §§ 22—34. צוגעוועהנען זיך ריכטיג שרייבען אין די פאַלען, מיט וועלכע די §§ בעשעפטיגען זיך, איז די שילער ניט אַזוי לייכט. איך ערלויב מיר דאַרום אויפמערקזאַם צו מאַכען די לעהרער אויף אַ מיטעל, וועלכען איך האָב אָנגעווענדט אין דער פּראַקטיק מיט אַ גוטען ערפאָלג. דאָס מיטעל איז ניט קיין נייעס, נאָר דאָך ערלויב איך מיר צו ריידען וועגען איהם. איך פלעג הייסען אונטערשטרייכען אין דער חרעסטאָמאַטיע, וואָס די שילער האָבען געהאַט, די ווערטער, וועלכע געהערען צו דער אויבענדערמאָהנטער קאַטעגאָריע, און פלעג ערקלערען דערביי די נויטיגען כללים. נאָכהער פלעגען די שילער איינינע מאָל איבערשרייבען די ווערטער אין זייערע העפטען. דאַן ערשט פלעג איך שרייבען דעם אויסגעוועהלטען קאַפּיטעל, אַלס דיקטאַט.

אום מען זאָל זיך קענען בענוצען מיט די גאַנצע אַרטיקלען, וואָס זענען געגעבען אין סוף פון׳ם ערשטען טייל, אַזוי ווי דאָ איז אויבען ערקלערט, זענען אַלע שווערע און העברעאישע ווערטער געדרוקט אין זיי מיט צעוואָרפענע אותיות, די שילער זאָלען זיי גלייך בעמערקען.

עס איז זעהר וויכטיג אויפמערקזאַם צו מאַכען די שילער אויף די אַלע ווערטער ביים איבערשרייבען און ביים דיקטירען.

דער ערשטער טייל פון׳ם בוך איז אַלזאָ אַ זאַמלונג פון איבונגען אויף איבערצושרייבען און אויך אַ דיקטאַט. מען קען איהם אָנהויבען בענוצען גלייך נאָכדעם, ווי די שילער האָבען געענדיגט דעם אלף־בית.

דער צווייטער טייל פון׳ם בוך ענטהאַלט איבונגען אין אויסלעגען די געדאַנקען שריפטליך; ער צערפאַלט זיך אין זיעבען אָבטיילונגען, וועלכע שעפּען כמעט אויס די וויכטיגסטע אַרטען איבונגען, וועלכע ווערען דורכגעאַרבייט מיט די שילער אין אָנפאַנגס־שולען. דער מאַטעריאַל פון דעם טייל, העלפענדיג ערלערנען די אָרטהאָגראַפיע, דאַרף הויפּטזעכליך אויסלערנען די שילער קלאָר און שען אויסדריקען זייערע געדאַנקען און אויך ריכטיג בענוצען די פּונקטואַציאָנס־צייכענס.

בענוצענדיג זיך מיט דעם מאַטעריאַל פון דעם טייל, דאַרף דער לעהרער גלייך פון אָנפאַנג פאָדערען, דער שילער זאָל שרייבען ריכטיג, אָהן פעלערען. זעלבסטפערשטענדליך, דער לעהרער דאַרף דעם שילער די ערשטע צייט העלפען. די בענוצונג פון די פּונקטואַציאָנס־צייכענס מוז מען גלייך פון דער ערשטער איבונג אָן ערקלערען די שילער און פאָדערען זיי זאָלען אַלע מאָל אויפפּאַסען אויף זיי ביים שרייבען. די מוסטערען, וואָס זענען געגעבען כמעט ביי יעדער איבונג, העלפען פערלייכטערען דעם שילער זיין אַרבייט.

אין די §§ 1—18 זענען געגעבען די איינפאַכסטע איבונגען, וועלכע קענען געגעבען ווערען די שילער, וואָס האָבען זיך שוין אויסגעלערנט לעזען און איבערשרייבען פון בוך. אין יעדער § זענען געגעבען כמעט אַלע נויטיגע ווערטער, נור צעוואָרפען. דער שילער דאַרף זיי נאָר קאָמבינירען אין פּראַזען. די §§ פאָדערען פאַר׳ן אויפגעבען אַ שמועס וועגען קלאַסיפיקאַציאָן אָדער פון אַנ׳אַנדער איינפאַכען אונהאַלט. אַזאַ שמועס, גענומען אינאיינעם מיט די איבונגען, וועט רייכער מאַכען די שילערס אָרימע שפּראַך מיט פיעל נייע ווערטער.

די §§ 19—25 זענען בעשטימט צו געבען די שילער אַ בעגריף וועגען איינצאָהל און מעהרצאָהל.

די §§ 25—40 ענטהאַלטען בעשרייבונגען פון פערשידענע כלי־בית, ימים־טובים און צייטען פון יאָהר נאָך פּראַגען. דאָ זענען אויך געגעבען געדיכטען, וועלכע ערגענצען און פערפיינערען די פּראָזאַאישע בעאַרבייטונג פון יעדער טהעמע. די געדיכטען פאָדערען

אנ'ערקלערונג. זיי האָבען דעם ציעל רייכער צו מאכען און צו פערפיינערען די שפּראַך פון די שילער. נאָך יעדען געדיכט זענען געגעבען פראגען, וועלכע שטריכלען אונטער די שענקייט פון דער שפּראַך אינ'ם געדיכט. ענטפערענדיג אויף די פראגען מיט ווערטער, גענומענע פונ'ם געדיכט, וועט זיך דער שילער אויסלערנען שענער זיך אויסצודריקען. עס איז דעריבער זעהר וויכטיג אויסצונוצען צו דעם צוועק אויף דעם אָנגעוויזענעם אַרט דעם ליטעראַרישען מאטעריאל, וואָס איז דאָ אין דעם בוך, און אויך די ליטעראַרישע אַרטיקלען פון דער חרעסטאָמאַטיע, וועלכע די שילער האָבען. ניט קוקענדיג אויף די וויכטיגקייט פון דעם אַרט שריפטליכע ארבייט, האָב איך מיך געמוזט בענוגענען מיט ניט פיעלע געדיכטען, כדי דאָס בוך זאָל זיך ניט צו פיעל פונאנדערוואַקסען.

די §§ 41—44 זענען בעשטימט צו בעקענען די שילער מיט'ן פערבייטען אין צייט אויף אַ צווייטע. זעלבסטפערשטענדליך, דער לעהרער מוז פאר די איבונגען געבען די שילער אַ בעגריף וועגען דריי צייטען: געגענוואַרט, פערגאנגענהייט און צוקונפט.

די §§ 45—50 זענען בעשטימט צו בעקענען די שילער מיט די דירעקטע און אונדירעקטע רעדע־פארמען און מיט דעם, ווי מען פערבייט איינע אויף די אנדערע.

נאָך די אלע איבונגען וועלען די שילער געווים זיין בכח איבערצודערצעהלען פרעמדע געדאַנקען נאָך אַ געגעבענעם פלאַן. אזעלכע איבונגען זענען געגעבען אין די §§ 51—63. די פלאַנען זענען קורצע, נאָר זיי זענען גאַנץ גענוג צו פערלייכטערען די שילער זייער ארבייט. אויב די לעהרער וועלען געפינען פאר נויטיג, וועלען זיי קענען ענטוויקלען די פלאַנען.

כדי צו געבען די שילער די מעגליכקייט זיך צו לערנען אויסלעגען זייערע אייגענע געדאַנקען, זענען צום סוף פונ'ם בוך, אין די §§ 64—75, געגעבען געוואָרען אַ רייהע פלאַנען פון בעשרייבונגען און ערצעהלונגען צום זעלבסטשטענדיגען בעארבייטען. דאָ געפינען זיך אויך איינציגע טהעמען אָהן פלאַנען, וועלכע די שילער דארפען בעארבייטען גאַנץ זעלבסטשטענדיג, אָהן עמיצענס הילף.

ביידע אַבטהיילונגען פון דעם בוך מוזען געלערנט ווערען גלייכצייטיג. יעדער לעהרער וועט שוין בעשטימען דעם סדר, נאָך וועלכען ער וועט אויסנוצען דעם מאַטעריאַל פון דעם ביכעל.

דער פּערפאסער.

ערשטע אבטיילונג.

---

§ 1. כ—ך.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם כ מיט איין שטריך און דעם ך מיט צוויי שטריכען.

זומער ווערען די טייכען פלאך. דער מענש טראכט, אָבער גאָט לאכט. די קעכין קאָכט מיטאָג אין קיך. דער בלעכער מאכט בלעכענע כלים. דער קומענקעהרער קריכט אויפ'ן דאך. אויפ'ן טיש שטעהען לייכטער מיט ליכט. אין דעם בוך זענען דאָ

זעהר שענע געשיכטעס. פארנאכט
ברענגט דער פאסטוך די שאָף פון
פעלד. איין שוואלב קען קיין זומער
ניט מאכען. אין די גרויסע שטעדט
זענען דאָפּיעל הויכע, רייכע הייזער.
דער פאָטער מאכט קדוש איבער א
בעכער וויין.

ב) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאַצען און שטעלט אַריין כ אָדער ך אַנשטאָט × .

כ ווערט געשריבען אין מיטען וואָרט און ך — אין סוף וואָרט. ביישפּיעלען: רייכע, רייך.

די ערד איז קיילע×דיג. דער אָדלער
פליהט הע×ער פון אלע פויגעל. דער
הימעל איז בעדעקט מיט שטיקלע×
וואָלקען; די בוימער שאָקלען זי×
פאמעלא×; די שפּיעלפויגעלע× זיצען
אויף די צווייגעלע×, זינגען זייערע

ליעדעלע× און פוצען ווייערע
פעדערלע× מיט די שנעבעלע×.
עס לייי×טען די שטערען; די נא×ט
איז פינסטער; די טיי×עלע× מורמלען;
די פויגעלע× פיפטשען; די לעמעלע×
מעקען; די פליגעלע× זשומען. הוי×ע
קופעם שניי ליעגען אויף די גאסען; די
דע×ער פון די הייזלע× זענען אוי×
בעשאָטען מיט׳ן ווייי×ען ווייסען שניי.

---

§ 2. מ — ם.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאַצען און שטריכעלט אונטער דעם מ
מיט איין שטריך און דעם ם מיט צוויי שטריכען.

דער קרעמער געהט אין קראם.
דער סעדער האָט איינגעפלאנצט א
בלום. דער לייב ברומט. דאָס פ[illegible]רד

האָט א צאם אין מויל. די שניידערין שטעפּט דעם זוים. דער שטומער קען ניט ריידען. פינסטער און שטום איז ארום און ארום. פארנאכט מעלקט מען די קיה. דער מאלער מאָלט בילדער. אין מיהל מאָהלט מען מעהל. סאמאָווארען מאכט מען פון מעש. אין וואלד וואקסען בוימער און בלומען. די לעמעלעך מעקען. די בוימער ברומען און רוישען. דער מענש דארף לעבען שפּאָרזאם.

ב) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאַצען און שטעלט אַריין מ אָדער ם אַנשטאָט ×.

מ ווערט געשריבען אין אָנפאַנג און אין מיטען וואָרט און ם—אין סוף וואָרט. ביישפּיעלען: מוטער, מוהמע, קאָם.

זו×ער איז וואַרי×. די בלו×ען ש×עקען. די ח×ארע בעדעקט דע×

הי×על. די ×א×ע פערקע×ט די האָהר
בּײ איהר קלײנע ×ײדעלע. אין ×ארק
זענען דאָ פיעל קראָ×ען. אין ×אי
×אָנאט בּליהען אויף אלע בּוי×ער.
אויף דע× בּוי× וואקסען פלוי×ען.
דאָס טײכעלע ×ור×עלט. ווידער איז
דער ×אי געקו×ען. קו× אין גרינע×
וואלד. אין דער ערד געפינען זיך
ווער×. די ווענד פון דער אָרי×ער
שטיבּעלע זענען קרו×. די קוה גיט
×ילך. ניט אלע בּלו×ען ש×עקען.

§ 3. נ—ן.

א) שרײבּט איבּער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם
מיט איין שטריך און דעם ן מיט צוויי שטריכען.

דער פריהלינג איז געקומען; ע
בּלאָזען שוין ווארימע ווינדען; ד

זון שיינט; אַלץ גרינט; די פויגעלעך
זינגען, שפּרינגען און בויען נייע
נעסטען; די בוימער בליהען; די
פויערים אקערען און זייהען; די ביהנען
זויגען שוין דעם זאפט פון די בלומען;
דער מענש איז פריש מונטער און
געזונד. די זון איז שוין אויפגעגאנגען.
עס ציהען זיך, ציהען פון הימעל און
פעלען, ווי גאָלדענע פאָדעם, די
ליכטיגע שטראהלען! עס בליהען די
בוימער, עס שפּראָצען די בלומען;
צו אונז איז דער פריהלינג, דער
פריהלינג געקומען!

ב) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטעלט נ אָדער ן אנשטאט ×.
נ ווערט געשריבען אין אָנפאַנג און אין מיטען וואָרט און ן—אין סוף
וואָרט. ביישפּיעלען: נאָז, ווינטער, וויין.

דער ווי×ד שאקעלט די יו×גע
גרי×ע זא×גע×. ליכטי× שיי×ט דער

אָוועxד=שטערען. די בוימער שאָקלעx
מיט זייערע גריxע בלעטער. אוx
רוישעx. איבער דעם בלויעx הימעל
בויגט זיך אויס א גאָלדעxער רעגעx=
בויגעx מיט בלויע קאxטעx. די
גאָלדעxע זוx האָט ביים אויפגעהx
צוריסעx, צוטריבעx די גרויע
וואָלקעxס איx דער לופט אוx
אראָבגעקוקט פוx'ם בלויעx הימעל
פרייxדליך אויף דער ערד. די גאסעx
זעxעx בעדעקט מיט שxיי.

---

§ 4. פּ—ף.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם פּ מיט איין שטריך און דעם ף מיט צוויי שטריכען.

די קינדער שפּיעלען זיך אויפ'ן הויף. די שיף שווימט. דאָס קינד האָט א פּייפּעל. פּעפּער

איז ביטער. אויפ'ן הויף איז א פראָסט. שלייף אָן דעם מעסער. שלאָף, מיין קינד! וואַרף אוועק די פוילקייט און לערען זיך פלייסיג. פלייסיגע קינדער קומען פריה אין שול און פערפערטיגען אלץ, וואָס דער לעהרער גיט אויף. פון פייער פליהען פונקען. קינדער לויפען ארום אויפ'ן הויף און שפּיעלען זיך אין פערדלעך. די לופט אין די פעלדער איז פריש. דער פישער פאנגט פיש.

ב) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטעלט אריין פּ אָדער ף אנשטאָט ×. פּ שרייבט זיך אין אָנפאנג און אין מיטען וואָרט און ף — אין סוף וואָרט. ביישפיעלען: פּוטער, פּייפּעל, שאָף.

×יעל ×רומע מענער און ×רויען ×אָהרען אין ארץ־ישראל. דער ברונען איז טיע×. ×ינ× מיט ×ינ× איז צעהן. ×רייטאָג איז דער זעקסטער טאָג אין וואָך. דער מעסער איז שאר×. דער אָרימער בעט הילע×. דער פאסטוך טרייבט די שאָ× אין ×עלד. אין אשא× הענגט מען קליידער. אין דאָר× איז ארייג־געלאָ×ען א וואָל×. דער שי×ער שי×ט מיט א רודער. דער פאסטוך ×יי×ט אוי× א ×יי×על. ×רייטאג קוי×ט מען ×רישע ×יש אוי× שבת.

§ 5. צ—ץ.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם צ מיט איין שטריך און דעם ץ מיט צוויי שטריכען.

דאס עסען איז צוגעריכט מיט ציבעלע און מיט געווירץ. פון צעהן ביז צוועלף לערנען מיר רוסיש. צעהן און צוועלף איז צוויי און צוואנציג. אין פעלד וואקסט ווייץ. דאָס ברויט איז אָהן זאלץ. דער שניידער נייהט אפעלץ. מיט האלץ הייצט מען די אויוועגס. צימרינג איז א געווירץ. טינט איז שווארץ. קינדער שפיעלען זיך מיט צאצקעס. צעהן מאל צעהן איז הונדערט. די זון צושמעלצט די אייז.

ב) שרייבט איבער די פאלגענדע זאצען און שטעלט אריין צ אָדער ץ אנשטאָט ×.

צ ווערט געשריבען אין אָנפאנג און אין מיטען וואָרט און ץ — אין סוף וואָרט. ביישפיעלען: צוקער, צאצקע, ווייץ.

מיט האל× היי×ט מען אויוועגס. פלעכט ×ונויף א קראנ× פון די בלומען. דאָס וואסער פון ים איז געזאל×ען. ×וקער איז זיס. דער קוימענקעהרער איז שווארץ. ניט אל×, וואס עס גלאנ×ט, איז גאָלד. ווינטער איז דער טאג קור×. די בוימער שטעהען אין ×וויי ×ייילען.

אין פעלד שפראָ-ען בלומען. שוואר×ע וואָלקענס האָבען ×וגעדעקט די גלענ×ענדע זון. אין הימעל האבען זיך אנגע×ונדען די שטערען. דאָס פערד איז שטאל×.

---

§ 6. כ, ך און ח.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם כ מיט איין שטריך, דעם ך מיט צוויי און דעם ח מיט דריי שטריכען.

פלייש עסט מען מיט חריין. זומער טראגט מען לייכטע האלאטען. דער קוכער קאכט מיטאג. חעלעם און חארקאָוו זענען צוויי רוסישע שטעדט. די חוואליעס האָבען דערטרונקען א שיף. פארנאכט קומט דאָס שאָף פון פעלד. פלעכט א קראנץ פון בלומען.

ב) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטעלט אריין ח, כ אָדער ך אנשטאָט ×.

ח ווערט געשריבען נאָר אין אָנפאנג וואָרט (אין זשארגאָנישע ווערטער), כ —נאָר אין מיטען און ך—נאָר אין סוף וואָרט. ביישפיעלען: חריין סאָכע, וואָך.

די קע×ין טראגט אריינעם פארטו×. דאָס קינד וויינט און ×ליפעט. ×ריין און רעטא× זענען זעהר ביטער. די קאָ× ×אפט מייז. אין

שטוב טראָגט מען א ×אלאט. ×ארקאָוו איז
א גרויסע רוסישע שטאָדט. ×עלעם איז אין
פוילען. דער טיי× איז בעדעקט מיט גרויסע
×וואליעס. די ×ינעזער האבען קרומע אויגען.
דער קראנקער נעהמט ×יניין. די יודען האבען
זעהר פיעל געליטען פונ'ם קאָזאקען=אטאמאן
×מיעלניצקי. פסח מא×ט מען ×רעמזלעך.

---

§ 7. פ אין סוף ווארט.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם פ מיט איין שטריך, דעם ף מיט צוויי שטריכען און דעם פ מיט דריי שטריכען.

די מיידעל פלעכט זיך א צאָפ. האלט ריין דיין קאָפ. אין אהויכע הויז זענען דאָ פיעל טרעפ. דער קרעמער פערקויפט דראפ. לאנגע צעפ זענען שען. מעהל זיפט מען מיט א זיפ. קאָך זופ אין א ריינעם טאפ. היפ ניט אריבער קיין ווארט. די קוה גיט א טאפ מילך א טאג. שעפ אָן פרישע וואסער. שלעפ ארויס דעם נעץ פון טייך. די קינדער שפיעלען אין קנעפ.

ב) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאַצען און שטעלט אריין פּ, פֿ
אָדער ף אָנשטאָט ×.
פֿ ווערט ניט פערענדערט אין סוף וואָרט אין ף. ביישפּיעלען:
טרעף, טרעפֿ.

דער סקלע× איז טיע×. דער טרע× האט
צוועל× טרעפּלעך. דער שניידער נייהט איין
א קנאָ×. שטעל ארוי× דעם טאָ× אויפ'ן קיך.
די מיידעלע האָט שענע צע×. זי× דורך די
מעהל אין א געדיכטע זי×. אויפ'ן הוי× שטעהט
א סלו×. זומער האלט מען עסענווארג אין
סקלע×. דער פויער טראָגט א טולו×. דער
פּישער האט געחאפּט א קאר×. קארן שניידט
מען מיט א סער×. פערלעש דעם לאמ×.

---

8. ײ ווערט געלעזען עַי און אַי.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאַצען און שטריכעלט אונטער ײ (=עַי)
מיט איין שטריך און ײ (=אַי) מיט צוויי שטריכען. ביישפּיעל: ער ליעבט
זײַנע בײדע קינדער.

ביים ניט דיין וואָרט. אין גאָרטען זענען דאָ ביימען.
דער פאָטער ליעבט זיינע ביידע קינדער. א פערד עסט
היי. א ווייסער שניי בעדעקט די ערד. דער רייזענדער
טראָגט א רייזע-בייטעל. די גאס איז געברוקירט מיט
שטיינער. מיט א בלייסטיפט שרייבט מען. די מייז מאכען
אָן שאָדען. מיט א לייכע גיסט מען אריין ווייך אין א פלאש.

דאָס קינד פערשאפט זיינע עלטערען ליידען אין פרייד. די זון שיינט. דער מענש האָט פריינד און פיינד.

ב) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטעלט אריין די נויטיגע אותיות אנשטאָט ×.

ווען אין לעזען הערט זיך עי (אֵ) אָדער אַי, דארף מען שרייבען ײ, ביישפיעלען: זיידענע קליידער קאָסטען טייער.

ל×כטע ז×דענע קל×דער קאָסטען ט×ער. היזהנער האלט מען אין א שט×ג. מאכט ניט ק×ן גר×זען. דער שילער וו×ס ניט די ה×נטיגע לעקציאָן. יענער וועג פיהרט אין דאָס בר×טע, וו×טע, פר×ע פעלד אר×ן. דער הונד עסט ב×נער. דער של×פער של×פט מעסערס. שנ× איז וו×ס. ב×זע הינד בילען און ב×סען. די צ×ט צו שלאָפען איז ב× נאכט. בל× איז שווער. פון צוו× ביז דר× איז געוועהליך די מיטאָג-שטונדע. פון שרעק ווערט מען גל×ך בל×ך.

---

§ 9. ױ ווערט געלעזען אָי.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער ױ.

זויערער עפעל זענען ניט געשמאַק. די פויגעל בויט א נייעם נעסט. דעם ליגנער גלויבט קיינער ניט. עט גרוילט און עס שוידערט פון שרעק. די גרויסע קעלטען דויערען ניט לאַנג. אין דרויסען איז א גרויסער פראָסט. יענע הויבע הויז האָט געבויט דער רייכער קויפמאַן. דער הימעל איז לויטער. די קאַץ שפיעלט זיך מיט א קנויל רויטע

בּיימוואָל. די פרוי טרויערט שוין לאנג נאָך איהר מאן. קויפלייט טרויען אָן פיעל געלד וייערע קונדען.

ב) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטעלט אריין די נויטיגע אותיות אנשטאָט ×.

ווען אין לעזען הערט זיך אָי, שרייבט מען וי. בּיישפּיעלען: בּרויז, הויך.

א הילצערנע ה×ז בּ×ט מען פון האָלץ. דער ק×מענקעהרער קעהרט דעם ק×מען. עס איז שׂ×ן שפּעט: אלע פר×ען האָבּען שׂ×ן ליכט געבּענשט. עסיג איז ז×ער. דער פּ×ער אקערט די ערד. דאָס קינד ז×גט. אין גאָרטען וואקסען ה×בע בּ×מער. ווינטער עסט מען ז×ערע קר×ט. ט×בּען זענען שטובּיגע פ×געל. פון וויינטר×בּען מאכט מען וויין. אין גאָרטען וואקסט א פל×מען=בּ×ם. מיט דעם מ×ל ריידען מיר. פ×לע שילער לערנען זיך שלעכט. די וועלט איז גר×ס. די ר×ז איז א שענער בלום. די בּיהנען ז×גען דעם זאפט פון די ר×זען. אין קל×ז דאווענט מען.

---

§ 10. י און אי.

א) שרייבּט איבּער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם י מיט איין שטריך און דעם אי מיט צוויי שטריכען.

אין אינדיען איז זעהר הייס. אין איטאליען איז ווארים. די קינדער שפּיעלען זיך אין גאָרטען. דער בּלינדער זעהט ניט די ליכט פון טאָג. אינגבּער איז בּיטער. שיפען

שוימען איבער׳ן ים. פון ניט פרישע שפייז איבעלט. איטליכער מענש לעבט אריבער פערשידענע צייטען. אין מיטען טייך איז דאָ א גרויסער זאמדיגער אינזעל. פון אינדיען ביז איטאַליען איז זעהר א גרויסע שטרעקע. אין שטאַל זענען דאָ הינער און אינדיקעס.

ב) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטעלט אריין ײ אָדער אײ אנשטאָט ✕.

ײ ווערט געשריבען אין מיטען און אין סוף וואָרט און אײ—אין אָנפאנג וואָרט. ביישפיעלען: דײק, דײ, אײנגבער.

קאָלומבוס האָט געזוכט דעם וועג ✕ן ✕נדיען. ✕בער אונזער קאָפּ ✕יז דער ה✕מעל. ✕צט שיינט שוין ד✕ ל✕כט✕גע זון. ד✕ לופט ✕ז ✕צט פר✕ש. ברוסטלײדענדע פאָדרען ✕ן ✕טאל✕ען ז✕ך היילען. ענגלאנד ✕ז אויף איין ✕נזעל. ✕ן ים זענען דאָ זעהר פ✕על ✕נזלען. דאָנסטאָג און מ✕טוואָך פון פ✕ער ב✕ז ז✕עבען וועל ✕ך זיין ✕ן דער היים; קום צו מ✕ר; מ✕ר וועלען אויסלערנען אלע נעמען פון אלע ✕נזלען, וואָס געפ✕נען ✕יך ✕ן ✕נד✕שען ים.

---

§ 11. ױ און אױ.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם ױ מיט איין שטריך און דעם אױ מיט צוויי שטריכען.

אין גאָרטען וואקסען אוגערקעס מיט בוראקעס. ביי אונז אין שטאָדט שטעהט א גאנצער פולק אולאנער. עס

דונערט און עס בליצט. דער קראנקער טרינקט אונגער־ווײַן. אונזערע אורעלטערען האָבען אומגעוואנדערט פערציג יאָהר אין דער וויסטעניש. די שיף איז אונטערגעגאנגען. דער דונאַי פליסט דורך עסטרייך־אונגארן. דער טײַך אופא פליסט פון די אוראלער בערג.

ב) שרײַבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטעלט ארײַן ן אָדער און אַנשטאָט ×.

ן ווערט געשריבען אין מיטען און אין סוף וואָרט און **או** — אין אָנפאַנג וואָרט. בײַשפּיעלען: צן, שטןם, **או**נז.

דער טײַך ×וראל פליסט אין קאספּישען ים אַרײַן. די ×ראלער בערג זענען ניט הויך. דער טײַך ×פא פליסט איבער ×פימער ג×בערניע. קיעוו ליעגט ניט ווײַט פ×ן ×נזער גרעניץ מיט עסטרײַך־×נגארן. דער דאָקטאָר האָט געהייסען דעם קראנקען טרינקען ג×טע ×נגער־ווײַן. אין דעם ב×ך ווערט בעשריבען די ×ראלטע צײַט. ×נטער דעם דיקען אײַז פליסט דאָס וואסער. פינסטער ×ן שט×ם איז ארום ×ן אר×ם. די בל×מען שמעקען. דער שט×מער קען ניט רײַדען - ער בר×מט. דער ז×מער איז שוין געק×מען.

.§ 12 ײ און אײַ

א) שרײַבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם ײ מיט איין שטריך און דעם **אײַ** מיט צוויי שטריכען.

דער ווײַגער איז שוין אײַנס. קיין איין מענש לעבט ניט אײביג. יעדער מענש ליעבט זײַנע אײגענע קינדער. בלײַ איז שווערער פון אײַזען. דער אײַז בעדעקט ווינטער אלע

טייכען. אויפ׳ן דעמב וואקסען אייכעל־ניס; פון די ניס מאכט מען אייכעל־קאווע. ביי קיין ארבייט זאָלסט דו זיך ניט איילען, ווייל פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס. די הינער לעגען אייער. פון אונז ביז אייער הויז איז דריי מייל ווייט. דער עמער האָט אייזערנע רייפען. דער ווידע האָט געמאכט זיין איינִיקעל א פייפעל.

ב) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאַצען און שטעלט אַריין יי אָדער איי אַנשטאָט ×. יי ווערט געשריבען אין מיטען און צום סוף וואָרט און איי — אין אָנפאַנג וואָרט. ביישפיעלען: דריי, צוויי, ווייס, ביין, אייזען.

האָט איהר נ×עס געהערט פון ×ערע קינדער? ער שמ×בעלט. דעם אמת מעג מען אפילו אויף דעם ×גענעם זאָגען. די ערד איז בעדעקט מיט שנ× און מיט ×ז. די מוטער ליעבט איהר ×נציגען זוהן. דער קויפמאַן איז אזוי ר×ך, אז ער וו×ס אל×ן ניט, ווי גרויס ז×ן ×גענס איז. ×זען איז א מעטאל. ב×ם ברעג ט×ך וואקסט ×ער. דער ×נבינדער בינדט ×ן ביכער. ער לעבט ×נזאם אין ז×ן ×גענע הויז. די זון ל×כט, אזוי ווי די וואָלט שמ×כלען צו אונז פר×נדליך. דער הונד איז א טר×ער פר×נד פון מענשען.

---

§ 13. וו און או.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאַצען און שטריכעלט אונטער דעם וו מיט איין שטריך און דעם או מיט צוויי שטריכען.

ביער מאכט מען אין א ברויז. די רויטע און ברוינע פארבען זענען שען. די טויבען האלטען זיך אויף אויבע

אויפ'ן בוידעם. די מוטער היט דאָס קינד, ווי די אויג אין קאָפּ. דער קוימענקעהרער איז אראָבגעפאלען פון אויבערשטען שטאָק. דער רויך קומט פון אויווען אין קוימען אריין. דער צימער איז אויסגעקלעפּט מיט טאפּעטען און אויסגעפאַרבען מיט רויטע פארב. מיט די אויערען הערען מיר. די הויכע גרויסע בוימער האָבען זיך אויסגעפּוצט אין זייערע נייע גרינע קליידער. די זון איז אויפגעגאנגען, און אלץ האָט שוין אויפגעוואכט פון שלאָף.

ב) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטעלט אריין וי אדער אוי אנשטאָט ×.

וי ווערט געשריבען אין מיטען און צום סוף וואָרט, און אוי — אין אָנפאנג וואָרט. ביישפּיעלען: בלוי, הויז, אויבען.

טראָפּענס ט×, ווי פּעריל, גלענצען ×ף די ב×מער. ×ב דער ×בערשטער וויל, שיסט א בעזעם ×ך. שטעה ×ף, מיין קינד, מאך ×ף דיינע ×געלעך! ווינטער, ווען אין דר×סען איז א גר×סער פראָסט, איז זעהר געשמאַק צו זיצען ביים ×ווען, וואו עס פלאקערט פרעהליך דער ר×טער העלער פייער. פאר פּסח פלעגט די בעל-הבית'טע ×סקאלכען די שטיבעל און אָבפארבען דעם גר×סען ×ווען מיט בל×ע פארב. מיט די ×גען זעהען מיר. די סאָסנע וואקסט ה×ך. די פ×געלעך וועקען מיר ×ף פון שלאָף מיט זייערע ליעדער. דער פּאָטער האָט געק×פט פאר די טאָכטער א פּאָר ×ער-רינגלעך פון ר×טע קאָראַלען. ר×בער זענען אָנגעפאלען ×ף א רייכען ק×פמאן. די לבנה שיינט אראָב פון א×בען.

§ 14. או און אוי אין מיטען ווארט.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער **או** און **אוי** אין מיטען וואָרט. ביישפּיעלען: וו**אוי**לע קינדער בעוו**או**נדרען אלע.

דאָס קינד איז א וואוילעס. וואו ליעגט דאָס בוך? דער זומער איז וואונדערליך שען. האָט איהר שוין געלעזען וועגען די וואולקאנעס? דער קלוגער פערשטעהט אלץ אויפ׳ן וואונק. וואו וואוינט איהר? ער איז א בעוואוסטער שרייבער. זיין וואונש איז ערפילט געוואָרען. פון וואוילטאָג קלאָגט זיך זיך קיינער ניט. דער רייכער קויפמאן וואוינט אין אויסלאנד. אויפ׳ן קריעג זענען זעהר פיעל זעלנער פערוואונדעט געוואָרען. נעבען די וואולקאנעס טרעפען זיך אָפט ערדציטערנישען. דאָס וועטער איז וואונדערליך שען. מען האָט זיי געוואונשען, זיי זאָלען לעבען אין וואוילטאָג.

ב) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטעלט אריין די נויטיגע אותיות אנשטאָט ×.

ו קען ניט געשריבען ווערען דריי מאָל נאָכאנאנד; דעריבער, ווען מען דארף שרייבען ו אָדער וי נאָך וו, שרייבט מען, אנשטאָט ו, **או** און, אנשטאָט וי, — **אוי**. ביישפּיעלען: וו**או**נש וו**אוי**ל.

אין דער נאט×ר איז דאָ זעהר פיעל וו×נדערבארע זאכען. מען האָט ×נז געוו×נשען א ג×ט יאָהר. אין ×נזער לאנד זענען דאָ זעהר פיעל וו×נדערבארע זאכען: ברייטע, גר×סע, טייכען, ה×כע בערג ×ן ×ך וו×לקאנעס. אין הערבסט פליהען די צ×ג-פ×געל איבער בערג ×ן טהאָלען, טייכען ×ן ימים אין די ווארימע לענדער, וו× די ז×ן שיינט העל אָהן ×פהער דעם גאנצען יאָהר ×ן די נאט×ר

איז וו×נדערליך שען. רייכע לייט לעבען שטענדיג אין וו×לטאָג. איך האָב געוו×סט פיעל וו×נדערליכע מעשיות, וואָס ×נוער באָבע פלעגט ×נז דערצעהלען. ווען מען האָט דאָס י×נגעל דאָס ערשטע מאָל אין חדר אָבגעפיהרט, האָט איהם זיין באָבע געוו×נשען ער זאָל זיך ג×ט לערנען ×ן ער זאָל זיין א וו×לעם קינד.

§ 15. יאַ, יאָ, יו, יע, ייִ.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאַצען און שטריכעלט אונטער יאַ, יאָ, יו, יע און ייִ.

מיר קלייבען יאַגדעס. יאַלטא איז אין קרים. פלייש קויפט מען אין יאַטקע. די קינדער שפּיעלען זיך אין יאָגעניש. מיר זענען יודען. יונגע קינדער ווייסען ניט פון קיין זאָרג. אין יענעם וואלד וואקסען פיעל יעגלע-ביימער. יוני און יולי זענען זומער מאָנאטען. יעדער מענש בעדויערט זיין פערגאנגענע יוגענד. אין עפּעל זענען דאָ שווארצע יאָדרעס. דער יאָהר האָט צוועלף מאָנאטען. די יאקוטען וואוינען אין יורטעס.

ב) שרייבט איבער די פאָלגעגדע זאַצען און שטעלט אַריין די נויטיגע אותיות אנשטאָט ×.

אין יודיש ווערט געשריבען, אַנשטאָט דעם רוסישען Я,—יאַ, אַנשטאָט Ю – יו, אַנשטאָט Ё×יאָ, אַנשטאָט E—יע, אַנשטאָט ЮЙ—ייִ. ביישפּיעלען: יאַטקע, יונג, יאָגעניש, יעגעלע, ייִדן.

ראש-השנה ווינשען די ×דען איינער דעם אנדערען א א גוטען ×הר. דער נום האט א ×דרע. די קינדער

קלייבען ×גדעס. דער ×הרמארק האָט זיך געענדיגט. דעו
×גער קומט פון ×גד. קינדער שפּיעלען זיך אין ×געניש
דער ×נגער בוים בלידט. אין ×ני און אין ×לי איז בי
אונז דער ×הרמארק. ×דער מענש מוז ארבייטען. אי
וואלד וואקסען ×גלעס. ×לטא און ×ופּאטאָריע זענע
אין קרים. צו מיטאג עסט מען פלייש מיט ×ך. ×נוואו
איז דער ערשטער מאָנאט פון ×הר. פיעל וו×רסט אי
ביז ווילנא? די ×גענד לויפט גיך פארביי. ×דער הונו
איז א לייט אויף זיין מיסט. ער ווייס גוט די ×דיש
שפּראכע. דער ×גער גערט אויפ'ן ×גד מיט זיינע ×גד
הינד. די קל×טשע איז איינגעשפּאנט אין וואָגען. דענ
קראנקען האט מען געשטעלט פּ×ווקעס,

§ 16. זש און טש.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעו
זש און טש.

אין מאָנאט מאי בעווייזען זיך פיעל זשוקעס. די זשאבעכ
קוואקען. נאכ'ן רעגען זענען געווארען גרויסע לוזשעס. אויפ׳
וואקזאל זענען דא פיעל זשאנדארמען. פערבריה טהיי אין טשייניק
אויף שבת שטעלט מען טשאָלענט. קאטשקעס ליעבען דאָס וואסער
די וואָראָבייטשיקלעך פּיקען די קערנער. דער קוטשער טרייבט
די פערד מיט א בייטש. ביי אלטע לייט איז דער פנים צוקנייטשט.
דער פּאסטוך טרייבט די טשערעדע מיט א בייטש אין פעלד.
פריהלינגס-צייט קומען די פויגעלעך צופליהען פון די ווארימע לענדער
טשאטעס-וויז. וואָראָניעזש און ניזשני זענען צוויי רוסישע שטעדט.

אין זשיטאָמיר און בערדיטשעװ װאױנען זעהר פיעל יודען. דער קוימענקעהרער איז אױסגעשמירט אין סאזשע. דער לעהרער האט פערשריבען דעם שילער אין זשורנאל.

ב) שרײבט איבער די פאָלגענדע זאַצען און שטעלט אַרײן די נױטיגע אותיות אַנשטאָט ×.

Ж װערט אין יודיש געשריבען זש, און Ч — טש. בײשפּיעלען: סאזשע, טשײניק.

מיר רײדען ×רגאָן. מעהל מאָהלט מען מיט ×ארנעס. די פױגעלעך ×ינגען און פּיפּ×ען. ×ומער טרײבט מען די ×ערעדע אין פעלד. צום װאסער לאָ×ט ×יך אראָב א ×אטע גענ×. ני×ני אי× א בעװאוסטע האנדעלס־שטאָדט ×יטאָמיר אי× די הױפּט־שטאָדט פון װאלינער גובערניע. אין קוימען איז דא פיעל סא×ע. די אלטע פרוי טראָגט א ×יידענע פּא×יילע. די קאפּטהוט װעה פון ×אד. בערלין אי× די הױפּט־שטאָדט פון דײ×לאנד. פרומע יודען עסען שבת ×אָלענט. די אורחים האָבען גענומען אין קרע×מע יעדער ×ו ×ײיק טײ. די שטאָדט לאמ×ע אי× אין פּױלען. ×וקעס און בּיהנען ×ו×ענען און ×אבעס קװאקען. דער בושעל ×וכט ×אבעס אין די לו×עס. אין די גרױסע שטעדט ×ענען דאָ פיעל ×אנדארמען. דער קו×ער קנאקט מיט'ן בײ×. פון די װײטע װארימע לענדער קומען עופות ×אטעס־װײ× ×וריק אהער אין ×ײער רוה ארײן. װילדע קא×קעס דרעהען זיך ארום דעם טײכעל מיט א געהילך און א געשװיש×. אומעטום אי× א לעבען, א פרײד א פליהעניש, א ×ו×עניש, א גע×יננערײ, א געשװיש×ערײ. ער לע×ט ×ורנאלען און ×ײטונגען.

§ 17. ב אדער פּ.

כּדי צו וויסען, וואָס דארף מען שרייבען — בּ אָדער פּ, דארף מען
דאָס וואָרט אומבּייטען אזוי, אז נאָך דעם ספק׳דיגען אות זאָל זיין א וואָקאל *).
בּיישפּיעלען: שויב — שויבען, קלאפּ — קלאפּען.
שטעלט אריין ב אָדער פּ אנשטאָט ×

ער ריע×ט זיין פּאָטער. אין גאס שטעהט א סלו×. די פרוי
טראגט א הוי×. דער וועכטער קלא×ט. דער פּאסטוך טריי×ט
די קיה אין פעלד. דער לעהרער לוי×ט דעם שילער. די קעכי
שאָ×ט קארטאָפעל. דער בּעקער זי×ט מעהל. די קינדער
שפּיעלען אין קנע×לעך. פורים קאָכט מען קרע×לעך. דער
טעפּער מאכט ליידמענע טע×לעך. דער גאניק האָט פיין
טרע×לעך. די מיידעלע האָט א שענע פּאָ×קע. די פויערטע שפּינ
און וועבט. גזלנים האָבען בּערוי×ט א סוחר אין וואלד. דע
דונער בּעטוי×ט. דער וואָלקען שווע×ט אין דער לופטען. דע
ווינד טריי×ט די וואָלקענס. דער זאטער גלויבט ניט דעם הונגעריגע

---

§ 18. ג אָדער ק.

כּדי צו וויסען, וואָס צו שרייבען — ג אָדער ק, דארף מען ד
וואָרט אומבּייטען אזוי, אז נאָך דעם ספק׳דיגען אות זאָל זיין א וואָקי
בּיישפּילען: גלאָק — גלאָקען, קלינג — קלינגען.
שטעלט אריין ג אָדער ק אנשטאָט ×

די פרוי שטריי×ט א זאָ×. דער האָלצהעקער הא×ט האָלץ
א הא×. פּסח קנא×ט מען נים און מען טרינ×ט וויין. פון פעלד גע
צי×לעך מיט בּע×לעך. דער ווינד בּוי×ט די בּוימער צו דער ערד.

---

*) וואָקאלען הייסען די אותיות: א, אָ, ו, י, ע.

היהנער זענען אין שטיי×. דער שניי האָט בעדק×ט די וועג× מיט א דיקען ווייכען צודע×. עס טאָ×ט שוין. דער טאקער טא×ט. די פויגעלע זינ×ט און שפרינ×ט. די מוטער זוי×ט דאָס קינד. די פרוי פלי×ט פעדערן. די בלום שמע×ט. דער פויער שטעהט אויף פאר טא×. דער לעהרער פרע×ט ביים שילער די לע×ציאָן.

---

§ 19. ד אָדער ט.

כדי צו וויסען, וואָס צו שרייבען — ד אָדער ט, דארף מען דאָס וואָרט אומבייטען אזוי, אז נאָך דעם ספק׳דיגען אות זאָל זיין א וואָקאל. ביישפילען ראָד — רעדער, ליכט — ליכטיג.

שטעלט אריין ד אָדער ט אנשטאָט ×.

דער סאָלדא× ריי× אויף א פער×. דער אייז איז גלא×. דער פויער זייהט זאָ×. די מוטער זינגט איהר קינ× א ליע×. די ליכ× איז פערלאָשען. מיי×לעך טראָגען לאַנגע האָהר. פסח מאכט מען קניי×לעך. די קינדער שפיעלען אין דריי×לעך. דאָס טיכעל איז פון זיי×. די לינקע זיי× טייך איז בעדעקט מיט וואל×, אויף דער רעכטער זיי× אָבער איז דאָ א גרויסע פעל×. דער העל× איז בעריהמט. רייכע לייט האָבען פיעל גאָל× און זילבער.

§ 20. וו אָדער פ.

כדי צו וויסען, וואָס צו שרייבען — וו אָדער פ, דארף מען דאָס וואָרט אומבייטען אזוי, אז נאָך דעם ספק׳דיגען אות זאָל זיין א וואָקאל. ביישפילען: רופט — רופען.

שטעלט אריין וו אָדער פ אנשטאָט ×.

ווינטער דאר× מען ווארימע קליידער. די שי× שווימט. די שאָ× קומט פון פעלד. אין דאָר× וואוינען פויערים. עס טרי×ט פון די דעכער די וועלט שלאָ×ט איין ביי נאכט. דער מעסער איז שוין ניט ש×, שליי× איהם אָהן. דאָס קינד שלאָ×ט אין וויעגעלע. דער קרעמער

סחורה און פערקוי×ט. דאָס קינד פערשא×ט די עלטערען פרייד און צער. זומער פארנאכט שי×ט מען זיך אויפ'ן טייך אויף שי×לעך. דער לעהרער האָט בעשטראָ×ט דעם פוילען שילער.

---

§ 21. ז אָדער ס.

כדי צו וויסען, וואָס צו שרייבען — ז אָדער ס, דארף מען דאָס וואָרט אומבייטען אזוי, אז נאָך דעם ספק'דיגען אות זאָל זיין א וואָקאל. ביישפּיעלען: בייסט — בייסען, בייז — בייזער.

שטעלט אריין ז אָדער ס אנשטאָט ×.

דער הונד איז ביי× און ביי×ט. דער גלעזער גלאָ×ט אָן שויבען. דער ים ברוי×ט. פריהלינג איז די בע×טע צייט פון יאָהר. דער רעגען גי×ט ווי פון אנ'עמער. דער זייגער ווייזט די צייט. דער מאלער ווייזט די וואנד מיט קאלך. דער שילער לע—ט א בוך. דער קרעמער לייזט פיעל געלד. דער ווינד בלאָ×ט. דער לייב פרע×ט פיעל. דער שניידער פרע×ט דאָס קלייד. דער שטארקער ווינד רייסט אויס בוימער מיט'ן וואָרצעל. דער פאָטער שפּיי×ט די גאנצע פאמיליע.

---

§ 22. יע=י.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען, שטריכעלט אונטער יע או בעמערקט, ווי יע ווערט געלעזען.

דער מענש האָט פיעל גליעדער. דער דיענער פוצט אויס די קליידער. דאָס קינד ליעגט אין וויעגעלע און די מוטער וויעגט עס. די וואָך האָט זיעבען טעג. דער וואָרצעל פון בוים ליעגט טיעף אין דער ערד. אין וואלד לעבען פיעל טיערע. די ליעבע פון עלטערען צו קינדער איז זעהר גרויס. אין דיזען בוך זענען דאָ פיעל שענע ליעדער. דער מאָנאט האָט פיער וואָכען. ער האָט ערריכט זיין ציעל. די קריעג האָט זיך געצויגען באלד צוויי יאָהר. זייד איז דין. די טהיר איז אָפען. ווען דו וועסט

איינמאָל אַ ליגעו זאָגען, וועט מען דיר דעם צווייטען מאָל שוין ניט גלויבען. עס זענען דאָ פיעל אָרימע לייט, אָבער ניט אַלע פיהלען זיי מיט. וויפיעל טעג האָט דער יאָהר? דער זאק איז אָנגעפילט מיט געלד. דער סוחר פיהרט גרויסע געשעפטען אין פיער גרויסע שטעדט. מען דארף זיך ניט קריעגען. קריגט איהר בריעף?

ב) אין די פאָלגענדע ווערטער ווערט געשריבען **יע**, אנשטאָט **י**. שרייבט זיי איבער און לערענט אוים, ווי זיי שרייבען זיך.

גליעד (מיטגליעד, צוגליעדערען)
דיענען (דיענער,. דיענסט)
דין (ניט גראָב)
וויעג (וויעגעלע, וויעגען)
זיעבען (זיעבעצעהן, זיעבעציג)
ליעגען (אין א בעט אָדער אויף עפּעס)
ליגען (ניט אמת)
ליגנער
פיעל (וויפיעל)
פיהלען (א פרייד, א וועהטאָג)
אנפילען (א קישקע, א זאק)
זיעג (זיעגען, זיעגער)

טיעף
טיער (א חיה)
טהיר (אין א שטוב)
ליעבע (ליעבען, ליעבער)
ליעד
פיער (דריי מיט איינע)
פיהרען (אויף א פוהר אָדער פאר'ן האנד)
פיהרער (אָנפיהרער)
ציעל
קריעג (מלחמה)
קריעגען (מלחמה האלטען)
קריגען (בעקומען)

ג) שטעלט אריין די נויטיגע אותיות אנשטאָט ×.

דער גוף בעשטעהט פון גל×דער. די ד×נסט קאָכט מ×טאָג. סאָלדאטען ד×נען דריי יאָהר. פאפ×ר איז ד×ן. דאָס וואסער וו×גט די ש×ף. די מוטער ז×נגט א וו×ג-ל×דעלע איבער איהר ק×נדס וו×געלע. דער יונגעל איז שוין אלט ז×בען יאָהר. אלכסנדר מוקדון האָט בעז×גט פ×ל פעלקער. דער ברונען איז ט×ף. עס שטעהען אָפען ט×ר און טויער. אין ט×ר-גאָרטען זעהט מען אלערליי וו×לדע ט×רע. עלטערען ל×בען זייערע ק×נדער. די זומערד×גע פארנאכטען זענען ל×ב און אנגענעהם. דאָס בוך איז א זאמלונג פון ל×דער. דעם ל×גנער פערגלייבען אלע. דער שניי ל—גט איבעראל. דער קראנקער פ×לט א גרויסען וועהטאָג. פרייטאָג קאָכט מען געפ×לטע פיש. דער זאק איז

אָנגעפ×לט מ×ט קארטאָפעל. דאָס פערד פ×רט דעם וואָגען. מען האָט געפאנגען אנ׳אָנפ×הרער פון א באנדע רויבער. די קר×ג האָט זיך געענדיגט. קר×גט זיך ניט. ווען וועט איהר קר×גען דאָס געלד?

---

§ 23. ע=יי.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם ע, וואָס ווערט געלעזען, ווי יי. בייזפיעל: מיר בענקען נאָכ׳ן פאָטער.

מיר בענקען נאָכ׳ן פאָטער. געדענקט, וואָס איהר לערענט. אין עסצימער הענגט א הענג=לאָמפ. דעם הענקער פערראכטען אלע. ער האָט ווענינ צייט. ווי שפעט לעגט איהר זיך שלאָפען? מיר לעגען זיך שלאָפען צוועלף דעם זייגער. די וואָלגא איז לענגער, ווי דער דאָן. טיפוס איז א געפעהרליכער קרענק. דאָס וועטער איז שוין שען געוואָרען. שענק דעם אָרימאן א קאָפּיקע. דער פאָטער האָט געבראכט זיין קינד פיעל געשענקען. ברענג מיר א בוך צום לעזען. דער עזעל האָט לאנגע אויערען. דעם מענשענס קרעפטען זענען בעשרענקט.

ב) אין די פאָלגענדע ווערטער ווערט געשריבען ע, וואָס לעזט זיך, ווי יי. שרייבט זיי איבער און לערענט אויס, ווי זיי ווערען געשריבען.

בענקען	לענג (לענגער)
דענקען	קרענק (קרענקען)
הענגען (הענקער, הענג=לאָמפ)	שען (שענהייט)
ווענינ	שענקען (געשענקען)
לעגען	שרענקען (בעשרענקען)
ברענגען	עזעל

ג) שטעלט אריין די נויטיגע אותיות אנשטאָט ×.

דער ×זעל איז א הויז=טיער. יעדער מענש מוז בעשר×נקען זיינע פערלאנגען. דער פאטער האט צוגעזאָגט זיין זוהן איהם ש×נקען א מתנה צום געבורטס=טאָג. אין פריהלינג איז דער וועטער זעהר ש×ן. ק×נער וויל ניט קר×נקען. ער איז אויסגעגאנגען דעם קאנט אין דער ל×נג און

אין דער בר×ט. ז× פערבר×נגען ז×ער צייט פרעהליך. דער שלאגס-רעגען האָט אויסגעל×גט די תבואות אויף די פעלדער. דעם יאָהר זענען געווען וו×ניג ש×נע וועטערען. דער ה×נקער האָט שוין פיעל מענשען געטוידט. דער עס-צימער איז בעלויכטען מיט א ה×נג-לאָמפּ. בעד×נק זיך גוט, איידער דו ענטפערסט אויף א פראגע. דער קל×נער יתום געד×נקט ניט זיין פאָטער. אויף די ווענד ה×נגען בילדער. גוטע מענשען ש×נקען ברויט אָדער געלד די אָרימע לייט.

---

§ 24. עה=יי.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער עה, וואָס לעזט זיך, ווי יי. ביישפּיעל: דאָס קליינע קינד קען נאָך ניט געהן און ניט שטעהן.

דאָס קליינע קינד קען נאָך ניט געהן און ניט שטעהן. דער דימענט איז א טייערער שטיין. די רעדער דרעהען זיך שנעל. דער קראנקער וויינט פון וועהטאָג. דער מאן איז אויסגעוועהלט פאר א גבאי אין קלויז. ווען דו ווערסט זיך גוט לערנען, וועט דיר זיין גוט און וואויל. קינדער לערנען געוועהנליך אין שול. דאָס קינד איז צוגעוועהנט צו דער מוטער. דער ווינד וועהט. פעהיגע שילערס לערנען זיך גוט. דעם פאָטער פרעהט זעהר דאָס, וואָס זיין זוהן האָט גוטע פעהיגקייטען. זומער פערברענגט מען די צייט פרעהליך. דער שילער קען שוין צעהלען ביז טויזענד. אין קלאס האָט דער לעהרער געלעזען זעהר אַ שענע ערצעהלונג. דער האָהן קרעהט. שטעהענדיג אויף איין פוס. פערשטעהט איהר אַלץ?

ב) אין די פאָלגענדע ווערטער ווערט געשריבען עה, וואָס לעזט זיך, ווי יי, שרייבט איבער די ווערטער און לערענט אויס, ווי זיי שרייבען זיך.

געהן
דרעהען
וועה (וועהטאָג)
וועהלען (אויסקלייבען)
געוועהנען (געוועהנליך)

פרעהען (פרעהליך)
צעהלען (געלד אָדער אנ'אנדער זאך)
ערצעהלונג
קרעהען

וואוינען (אין א דירה)	זייער (ихъ)
וויינען (מיט טרעהרען)	פעהיג
וועהען	שטעהן (פערשטעהן)
זעהר (весьма, очень)	שטיין (אין ברוק אָדער אין א רינג)

ג) שטעלט אריין די נויטיגע אותיות אנשטאָט ×.

פון ב×דע זייטען וועג שט×ען צוו× ציילען בוימער און צווישען זיי ליעגען ווייסע שט×נער. דער גוטער שילער פערשט×ט גלייך דעם לעהרערס ערקלערונג. פאר טאָג קר×ען די העהנער. אין דעם בוך זענען דאָ איינינע ז×ר אינטערעסאנטע ערצ×לונגען. אין שול לערנען זיך די קינדער צ×לען און רעכענען. דער שילער איז ז×ר פ×יג. פר×הליך שמ×כעלט די זון פון הימעל אראָב. דער ווינד וו×ט פון וואלד און בר×נגט מיט זיך דעם גערוך פון די בלומען! עס פר×ט ז×ר די עלטערען, ווען זייערע קינדער זענען פ×יג. דאָס קל×נע קינד קען שוין ג×ן. די רעדער פון מאשין דר×ען זיך שנעל. יענעם מאן האָט מען געוו×לט פאר א ריכטער. ער ליידט פון צ×נוו×טאָג. יעדער מענש מוז זיך געוו×נען צו ארבייט. ערד-ארבייטער וו×נען געוו×נליך אין דאָרף. ער וו×נט פון וו×טאָג.

§ 25. א שטומער ה*) פאר א ל.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם שטומען ה.

פיעל ווילדע מענשען וואוינען אין הייהלען. די דאָקטוירים היילען קראנקע. אויף די וואהלען האָט מען איהם אויסגעוועהלט פאר א ריכטער. דער מילנער מאָהלט מעהל, און דער מאלער מאָלט בילדער. דרעה[illegible]יך גור, מיהלכעלע! דער רייכער סוחר האָט געמאכט א מאָהלצייט פאר פיעל געסט. אמאָל איז געווען א רב מיט א רבי'צין. דער זאטער קען ניט מיטפיהלען דעם הונגעריגען. פיעל אָרימע מענשען מוזען אָנפילען זייער מאָגען מיט ניט פרישע שפייז. איידער מען טוידט דעם בער, טיילט מען ניט זיין

*) א שטומער ה איז דער ה, וואָס ווערט נאָר געשריבען, אָבער מען לעזט איהם ניט. בײשפיעל: מעהל.

פעל. דער קיסר האָט בעפעהלען, מען זאָל די פּאָראַטקעס אויפמאָהנען, עס זאָל קיין גראָשען ניט פעהלען. א גרויסע צאָהל סאָלדאטען זענען פערוואונדעט געוואָרען אין קריעג. דער שילער קען שוין צעהלען ביז הונדערט. דערצעהלט אונז א מעשה'לע. די ערצעהלונג האָט א בעריהמטער שריפטשטעלער אויפגעשריבען. די קויהלען גליהען. דאָס וועטער איז קיהל. די קינדער לערנען אין שול. אין א שול לערענט מען און אין א שוהל דאוועט מען. שטאָהל און אייזען זענען מעטאלען. דער לעהרער זיצט אויפ'ן שטוהל. די שטראהלען פון דער זון לייכטען און זוארעמען, אָבער די שטראהלען פון דער לבנה וואַרעמען ניט.

ב) אין די פאָלגענדע ווערטער ווערט געשריבען א שטומער ה פאר א ל. שרייבט זיי איבער און לערענט אוים, ווי זיי שרייבען זיך.

הייהל (א גרוב אין דער ערד)	פיהלען (א פרייד, א צער)
היילען (קראנקע)	געפיהל
וואהל (וועהלען — אויסקלייבען)	אָנפילען
מאָהלען (מעהל אין א מיהל)	פעהלען (בעפעהלען)
מאָלען (בילדער)	צאָהל (צאָהלען)
מעהל	צעהלען
מיהל	קויהל (פון פערברענטע האָלץ)
מאָהלצייט	קויל (פון א ביקס)
שוהל (קלויז)	קיהל
שול (אויף צו לערנען)	שטאָהל
שטראהל	שטוהל

ג) שטעלט אריין די נויטיגע אותיות אנשטאָט •

טויטע פלעגט מען אמאָל בעגראָבען אין ה×לען. דער וואונד איז שוין פערה×לט געוואָרען. מ×ל צו מ×לען דארף מען האָבען א מ×ל, און בילדער צו מ×לען דארף מען אַפּענזעל מיט פארב. די מ×לשטיינער צורייבען די קערנער אויף מ×ל. דער קראנקער פ×לט א וו×טאָג. די געפ×לען ווערען ביים מענשען מיט דער צייט טעמפּ. דער טאָרט איז מיט געפ×לעכטס. שטיינק×לען גראָבט מען פון דער ערד. אין די ק×לען=גריבער ארבייט א גרויסע צ×ל ארבייטער. די זעלנער שיסען מיט ק×לען. זומער פון אָווענד בלאָזען ק×לע ווינדעלעך. אין אונזער

שטאָדט זענען דאָ זעהר פיעל אלטע ש×לען, אָבער גאָך מעהר ש×לען פאר קינדער. שט×ל איז א הארטער מעטאל. דאָס קינד זיצט אויף א קליין שט×לכעלע. ארום טיש שטעהען צוועלף שט×הלען. דאָס געזיכט שטר×לט פון פרייד.

---

§ 26. אשטומער ה פאר אמ.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם שטומען ה.

לאָז איהם צורוה. דו שרייבסט קרום און לאָהם. דער טעפער מאכט פון לייהם לייהמענע טעפּ. דעם פאָטערס א שוועסטער רופט מען מוהמע. דער דאָקטאָר נעהמט אָן קראנקע אין דער פריה. יעדער כלל האָט אויסנאהמען. דער בעריהמטער מאלער האָט יענעם בילד געמאָלט.

ב) אין די פאָלגענדע ווערטער שרייבט זיך א שטומער ה פאר אמ. שרייבט זיי איבער און לערענט אויס, ווי זיי ווערען געשריבען.

איהם	נעהמען (אויסנאהם)
לאהם (קרום און לאָהם)	אנגענעהם
לייהם	ריהמען
מוהמע	בעריהמען.

ג) שטעלט אריין די נויטיגע אותיות אנשטאָט ×.

פֿון רעגען איז אויפ'ן ל×מיגען בארג א גליטש געוואָרען. א נע×מער איז ניט קיין געבער. א בעל-גאוה וויל ביי אלעמען אויסנ×מען. מיט רייכקייט דארף מען זיך ניט איבערנ×מען. א בער×מער איז גוט צו שלאָגען. ר×ם זיך ניט אליין.

---

§ 27. א שטומער ה פאר אנ.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם שטומען ה.

זיצט ניט אָהן ארבייט. די ביידע ברידער זענען זעהר עהנליך איינער אויפן צווייטען. פון פעטערבורג אין ווארשא פאָהרט מען מיט'ן באהן. די ביהנען גיבען אונז האָניג. אין טעאטער איז דאָ א ביהנע. דער האָהן קרעהט. היהנער און העהנער זענען שטוביגע פויגעל. דער זוהן דארף העלפען דעם פאָטער אין זיין ארבייט. די זון בראָט און סמאליעט. דער קיסר זיצט אויפ'ן טראָהן. שיך שמירט מען מיט טראָן. דער בלינדער מוז זיך אָנלעהנען אויפ'ן אקסעל פון זיין פיהרער. פורים מאכט מאָהן=טאשען. א גוטער מאָהנער איז א שלעכטער צאָהלער. נאָווגאָראָד איז נאָהנט צו פעטערבורג. אין א יום=טוב פוצט מען אוים די גאסען מיט פאָהנעס. צעהן מיט צעהן איז צוואנציג.

ב) אין די פאָלגענדע ווערטער שרייבט זיך א שטומער ה פאר א נ. שרייבט זיי איבער און לערענט אוים, ווי זיי ווערען געשריבען.

אָהן (אָהן געלד)	נאָהנט
עהנליך	טראָהן (דעם קיסר'ס שטוהל)
באהן	טראָן (צו שמירען פעל)
ביהן	אָנלעהנען
ביהנע	מאָהן (מאָהן=טאשען)
האָהן	מאָהנען
הוהן	פאָהן
זוהן (א קינד)	צאָהן
זון (אין הימעל)	צעהן

ג) שטעלט אריין די נויטיגע אותיות אנשטאָט ×.

די ב×ן לויפט גיך און ×ן אויפהער. די ב×נען וואוינען אין ב×נשטאָק. דער רעדנער שטעהט אויף דער ב×נע. די ה×ן לעגט אייער. די מוטער האָט געקוילעט פאר איהר ז×נעלע א ראבע ה×נדעלע. שלאָף זשע, ז×נעגיו! דער נייער קיסר איז ארויף אויפ'ן טר×ן.

שוואכע קינדער טרינקען לעבער=טר×ן. פסח ביים סדר זיצט מען אָנגעלע×נט. אין גאָרטען וואקסט מ×ן. די קינדער האָבען זיך געמאכט פאפירענע פ×נעס. צ×ן=וו×טאָג לאָזט ניט שלאָפען ביי נאכט. צ×ן ה×נער און ה×נער זענען אין שטייג. צ×ן מאָל צ×ן איז הונדערט.

§ 28. א שטומער ה פאַר א ר.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם שטומען ה.

יונגלעך. טראָגען קורצע האָהר. איהר זייגער איז פון גאָלד. האָט איהר געלעזען וועגען אונזערע אורעלטערען? גאָט! ערפיל אונזער בעגעהר! ניט אין חלום און ניט אויפ'ן וואָהר. דער זעלנער וועהרט זיך מיט'ן ביקס. ביקסען און שווערדען זענען געוועהר. די ארבייט דארף ניט לאנג געוועהרען. קיין סוחר וויל גיט אָנווערען אויף זיין סחורה. עס פאלען טרעהרען. די יאָהרען לויפען. דער לעהרער לערענט די שילער. פינף איז מעהר ווי פיער. אין גאָרטען וואקסען מעהרען. דער מענש ערנעהרט זיך מיט פערשידענע שפייזען. היט דיין עהרע. די פערעהרער פונ'ם געשטאָרבענעם האָבען ארויפגעלעגט אויף זיין קבר פיעל קרענץ. דער פוהרמאן טרייבט זיין פערד. אין אמעריקע פאָהרט מען איבער'ן ים. א שלעכטע אויפפיהרונג געפעלט קיינעם ניט. טיפוס איז א געפעהרליכע קרענק. דער ווינטער דויערט ביי אונז אונגעפעהר זעקס מאָנאטען. די רייכע פרוי האָט פיעל ציהרונג. די דיענסט קעהרט אוים די שטוב. עס איז געוואָרען ווארים, און דאָס אייז האָט זיך שוין גערירהט. ער איז א ריהרעוודיגער מענש. שוועהר און שוויגער קומען צו גאסט צו זייער שנור. מען דארף זיך ניט שווערען.

ב) אין די פאָלגענדע ווערטער ווערט געשריבען א שטומער ה, פאר א ר. שרייבט זיי איבער און לערענט אוים, ווי זיי ווערען געשריבען.

איהר	וואָהר (אויפ'ן וואָהר)
אוהר (א זייגער)	געוואָהר (געוואָהר ווערען)
בעגעהרען (פערלאנגען)	וועהרען זיך (בעשיצען זיך)
האָהר	געוועהר

געוועהרען (דויערען)	**עהרע** (עהרליך)
אָנוועהרען	**פאָהרען** (פוהר, פיהרען)
זעהר (очень)	**געפאהר** (געפעהרליך)
טרעהר	**אונגעפעהר**
יאָהר	**פריהרען**
לעהרע (לעהרער, געלעהרטער)	**ציהרונג**
מעהר (פיער איז מעהר, ווי דריי)	**קעהרען**
מעהר (מעהרען-צימעס)	**ריהרען**
נעהרען זיך (נעהרונג)	**שוועהר** (שוועהר און שוויגער)
	שווער (א משא)

ג) שטעלט אריין די נויטיגע אותיות אנשטאָט X.

Xרע הXר זענען שווארץ. די Xר געהט ריכטיג. וואָס בעגXרט איהר? דאָס האָט איהר געזעהן אין חלום אָדער אויפ'ן וואXר? ווען איז ער דערפון געוואXר געוואָרען? די חיות וואXרען זיך געגען זייערע פיינד מיט די ציין, וויל קיין אנדער געוואXר האָבען זיי ניט. אין וואלד אין געפXרליך צו פXרען Xן געוואXר. ביים פוילער געוואXרט יעדער זאך לאנג. דער סוחר וואXרט אָן זעהר פיעל געלד. טרXהרען גלענצען, ווי פעריל. דער יXרציים איז אָנגעקומען. דער לXרער לערענט די קינדער. די געלXרטע פאָרשען די נאטור. די פויגעל פערמXהרען זיך דורך אייער. יעדער חיה ערנXרט זיך אליין. Xר זיך אליין, ווילען דיך אנדערע אויך Xרען. Xרליך לעבען איז שווXרליך לעבען. די שיפלייט פXרע איבער'ן ים. מיט'ן בXן איז אנגענXמער צו פXרען, ווי מיט א פXר. ער פXרט א טאָגע-בוך. ער איז געפXרליך קראנק געווען, אָבער דער געפXר איז שוין פארביי. דער ארבייטער פערדיענט אונגעפXהר צXן רובל א וואָך. די קרעמער פרXרען ווינטער א גאנצען טאָג אין די קראָמען. צXרונג מאכט מען פון גאָלד, און פון זילבער. דער ווינד קXרט בערג. די טרXרען פונ'ם אומגליקליכען האָבען אלעמען טיעף גערXרט. דער יונגער מאן איז ביים שווXר אויף קעסט.

---

§ 29. א שטומער ה אין סוף וואָרצעל.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם שטומען ה.

דער בוים בליהט. די הוהן בריהט אייער. די קויהלען גליהען. דער פויער זייהט ווייץ. זופּ זייהט מען אין א זייהער. אין די אש טליהעט נאָך דאָס פייער. געלד לייהט מען אין באַנק. בעמיהט זיך און גיט דעם אלטען א גלאָז וואסער. דער שניידער נייהט קליידער. די פיה איז אין פעלד. די פויגעל פליהט. דער פלייסיגער שילער שטעהט אויף פריה. פריהער ענדיג דיין ארבייט און נאכהער געה שפּאצירען. דער פריהלינג איז געקומען. נאָך פריהשטיק געהען די קינדער אין שול. פערצייהט מיר! די וואָלקענס ציהען זיך איבער'ן הימעל. די קוה גיט מילך. אין קלאס שטעהען צוויי רייהען בּיינק. דאָס פלייש איז נאָך רויה.

ב) אין די פאָלגענדע ווערטער ווערט געשריבען א שטומער ה אין סוף פון וואָרצעל. שרייבט זיי איבער און לערענט אויס, ווי זיי ווערען געשריבען.

בליהען	פיה
בריהען	פליהען
גליהען	פריה (פריהער, פריהלינג, פריהשטיק)
זייהען	פערצייהען
זייהען (זייהער)	ציהען
טליהען	קוה
לייהען	קניהען
מיהען	רויה (ניט געקאָכט)
נייהען	רייה (א צייל)

ג) שטעלט אריין די נויטיגע אותיות אנשטאָט X.

דער ווינד האָט אראָבגעריסען די בלXונג פון די בוימער. ער האָט זיך אָבגעבּרXט די הענד. די אויגען פון א קאץ לייכטען אין דער פינסטער, ווי גלXענדע קויהלען. וואָס דו האָסט פערזXט, דאָס וועסט דו אָבשניידען. די פּויערים אקערען און זXהען. די פרוי האָט אויסגעזXט די מילך. נאָכ'ן שרפה זענען אויף די גאסען געלעגען טלXהענדע קופּעס קויהלען. רייכע מענשען פערלXען זייער געלד. די פּX איז דער רייכטום

פון פויער. די צוג־פויגעל זענען שוין געקומען צו פל×ען. פון פר×־
מאָרגען איז דער מענש פריש. נאָכ'ן ווינטער קומט דער פר×לינג, און
נאָכ'ן פר×לינג קומט דער זומער. פר×לינג איז די אָנגענ×מסע צייט
פון יאָהר. די צייט פון פר×שטיק איז צעהן אַ זייגער אין דער פר×. די
צייט צ×ט זיך לאנג. ק× עסען היי. די געצענדיענער קנ×ען פאר
זייערע אָבגעטער. ער איז נאָך א ר×ער מענש. די סאָלדאַטען שטעהען
אין ר×ען. ר× אויף די קארעלען.

---

§ 30. דאס ארויספאלען פונ'ם שטומען ה פערבייט די בעדייטונג פון ווארט.

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען, שטריכעלט אונטער די ווערטער
מיט א שטומען ה מיט איין שטריך און די עהנליכע ווערטער אָהן אַ שטומען
ה מיט צוויי שטריכען און בעמערקט די בעדייטונג פון די אונטער־
געשטריכעלטע ווערטער.

דער מילנער מאָהלט מעהל און דער מאַלער מאָלט בילדער. דעם
אָרימאן פעהלט אויס אויף א מאָהלצייט. דעם פאָטער געפעלט ניט די
אויפפיהרונג פון זיין זוהן. שיך נייהט מען פון פעל. אין טיי מאשין האָבען
זיך אויסגעלאָשען די קויהלען. אויף דער מלחמה זענען די קוילען
געפלויגען ווי האָגעל. דער שוחט לערענט זיך קוילען בהמות און עופות.
אין שוהל דאווענט מען. די שילער פערברענגען דעם ערשטען האלבען
טאג אין שול. ווער עס ליעבט צו נעהמען, דער האָט פיינד צו געבען.
ראובן, שמעון און לוי זענען יודישע נעמען. אויפ'ן הימעל האָבען
געגלענצט שטערען אָהן א צאָהל. ווינטער טהוט מען אָהן ווארימע קליידער.
ער וועהרט זיך געגען זיין פיינד. ווינטער ווערט פריה פינסטער. א שוועהר
איז ניט קיין פאָטער. עס איז שווער אָנצוקומען צו יענעמס הילף. מען
קען שווערען, אז די זאַך איז ריכטיג.

ב) די פאָלגענדע ווערטער פערבייטען זייער בעדייטונג, ווען זיי
פערלירען דעם שטומען ה. שרייבט זיי איבער און לערענט אויס, ווי זיי
ווערען געשריבען און וואָס זיי בעדייטען.

מאָהלען (מעהל אין א מיהל) — פעהלען (ניט זיין נענוג)
מאָלען (בילדער מיט פארב) — געפעלען (האָבען חן ביי עמיצען)

פעל (פון א בהמה)
קויהל (פון האָלץ אָדער שטיינקויהל)
קויל (פון א ביקס אָדער פון א הארמאט)
קוילען (עופות, בהמות מיט א מעסער)
שוהל (אויף צו דאווגען)
שול (אויף צו לערנען)
נעהמען (עפעס מיט די הענד)
נעמען (פון מענשען, טייבען, שטעדט)

אָהן (אָהן געלד, אָהן ברויט)
אָן (אָנשיקען, אָנטהון, אָנשרייבען)
וועהרען (בעשיצען זיך געגען אנ'אָנפאלער)
ווערען (אלט, יונג א. א. וו.)
שוועהר (דער ווייבס אָדער דעם מאנס א פאָטער)
שווער [צו לאסט]
שווערען [נעהמען א שבועה]

ג) שטעלט אריין די נויטיגע אותיות אָנשטאָט ×.

ער שוו×רט מיט גאָטס נאָמען, אז זיינע רייד זענען ריכטיג. אייזען איז שוו×רער, ווי האָלץ. ער איז ביי זיין שוו×ר אויף קעסט. דער מענש וו×רט יעדען טאָג עלטער. געגען א לייב איז שוו×ר זיך צו וו×רען. דער הימעל איז בלוי, ×ן א פיצעל וואָלקען. שרייב ×ן א בריעף צום פאָטער דער לעהרער האָט פערשריבען די נ×מען פון די שילערס אין א בוך. א גוטער שילער בענ×מט אלין זעהר גיך. די קינדער געהען אלע טאָג אין ש×ל לערנען. שבת געהט מען אין ש×ל דאווענען. די פרוי האָט אוועקגעטראָגען אין שחיטה=שטוב א הוהן צו ק×לען. די סאָלדאטען שיסען מיט ק×לען פון די ביקסען. שטיינק×לען גראָבט מען פון דער ערד. פון פיקסען=פ×ל מאכט מען גוטע פעלצען. דאָס שענע בילד געפ×לט אלעמען. אין א טרוקענעם זומער פ×לט אוים רעגען. יענעם פאָרטרעט האָט געמאָלט א בעריהמטער מאלער. דער פויער האָט אָבגעפיהרט זיין תבואה אין מיהל און האָט עס צומ×לען אויף מעהל.

§ 31. דער אונבעשטימער ארטיקעל **א**.

א) אין יודיש ווערען צו אלע נעמען פון זאכען צוגעשטעלט די ווערטער **א** אָדער **דער, די, דאס**, למשל: א האנד, א פוס, א טיש, א הויז, א הונד, די האנד, די פוס, דער טיש, דאָס הויז, דער הונד, די ווערטער רופען זיך אָן ארטיקלען: **א**—דער אונבעשטימטער ארטיקעל און **דער, די, דאס**, — דער בעשטימטער ארטיקעל.

דער אונבעשטימטער ארטיקעל **א** שרייבט זיך אלע מאָל אָבגעטיילט פון דעם וואָרט, צו וועלכען ער געהערט. ביישפיעלען: א פאָטער, אָבער

ניט אפאָטער, א מוטער, אָבער ניט אמוטער. ווען **א** איז אָבער ניט קיין ארטיקעל, שרייבט ער זיך אינאיינעם מיט די פאָלגענדע ווערטער, צ. ב. ש: אראָב, ארויף, ארוים, אריבער, ארונטער.

שרייבט איבער די פאָלגענדע זאַצען, שטריכעלט אונטער די ווערטער, וואָס האָבען פאר זיך אנ׳אונבעשטימטען ארטיקעל, און בעמערקט, ווי דער אונבעשטימטער ארטיקעל ווערט געשריבען.

עס געהט א טאָג נאָך א טאָג. א מוטער ליעבט איהרע קינדער. עס קומט א ווינד א קאלטער, פייפט א ליעדעל, צו און די אָרימע בלעטער האָבען ניט קיין רוה. שלאָף נאָך, שלאָף נאָך, ליעבעס קינד! דרויסען איז א פראָסט א ווינד. עס האָט געטהון א בליץ און עס האָט זיך דערהערט א דונער; עס האָט זיך אויפגעהויבען א שטורמווינד, און עס האָט אויסגעבראָכען א שלאגס-רעגען. אָט הער איך ווידער א היימישעס ליעדעלע. צווישען צוויי בערג שטעהט זיך א הייזעל ביים טייך. אויפ׳ן שפיץ בארג שטעהט זיך א בוימעל.

ב) שטעלט אריין אָנשטאָט × **א**, אינאיינעם אָבער אָבגעטיילט פון די פאָלגענדע ווערטער.

דער הימעל איז לויטער אָהן ×פיצעל וואָלקען. נעבען ×ווערבע שטעהען פערד, איינער אויפ׳ן אנדערען פערלעגט די קעפ צו מאכען חאָטש עפּעס ×שאָטען. אויף ×צווייגעל אין דער הויך זיצט ×סאראָקע. אויף דעם גאנצען וועג איז שא, שטיל! מען זאָל דאָס הערען ערגיץ ×שאָרך ×פיפס, מען זאָל דאָס זעהן פליהענדיג ערגיץ ×פויגעל. ×געשמאק ווינדעלע הויבט אָן צו בלאָזען; די בוימער הויבען זיך אָן צו שאקלען: זיי פיהרען ×שמועס אויף זייער לשון. אויפ׳ן הימעל בעווייזען זיך שטיקלעך וואָלקען, אויף וועלכע מען האָט ×רויסגעקוקט, ווי אויף טייערע געסט. די וואָלקענס ציהען זיך ערגיץ ×וועק; דער הימעל ווערט קלאָר; איבער דעם בלויען הימעל בויגט זיך אוים ×גאָלדענער רעגענבויגען. איינס נאָכ׳ם אנדערע טרעטען שפיעל-פויגעלעך ×רוים אויף צווייגעלעך, פוטצען זיך די פעדערלעך — ×וויש מיט׳ן שנעבעלע, ×טרייסעל, ×שאָקעל און הויבען אָן די זיסע זמירות צו שווישטשען. שטיל די וואָלקען אין דער לופטען, פון ×ווינדעלע קיין וועהע, פון ×בערגעלע קיין ווינקען, פון דעם הימעל קיין געשטער; פון דעם טייכעלע קיין מורמעל, פון ×בוימעלע

קיין שעפטשע, פון ×צווייגעלע קיין וויעג. פינסטער און שטום איז ×רום און ×רום.

§ 32. דער אונבעשטימטער ארטיקעל
אנ׳פאר וואָקאלען

א) שרייבט איבער די פאָלגענדע זאצען און שטריכעלט אונטער דעם אונבעשטימען ארטיקעל **אנ׳**.

אין קיך שטעהט אנ׳אלמער אויף געפעס און אין קאבינעט -- אנ׳אלמער אויף ביכער. דער סטאָלער בויערט מיט אנ׳עגבער. פלייש עסט מען מיט אנ׳אוגערקע. אין קלויסטער שפּיעלט אנ׳אָרגעל. וואָס זיצט איהר אָהן אנ׳ארבייט? עס קלעפּט ווי אנ׳ארבעס צום וואנד. עס האָט גערעגנט די גאנצע נאכט אָהן אנ׳אויפהער. אין דער לופטען פליהט אנ׳אָדלער. וואסער שעפּט מען מיט אנ׳עמער. פון א שלעכטען וועטער פאלט אָן אנ׳אומעט. מיט זיי האָט זיך געטראָפען אנ׳אומגליק. אנ׳עזעל איז איינגעשפּאנט אין וואָגען. דער וועג ציהט זיך אָהן אנ׳אָנהויב און אָהן אנ׳ענדע. דער שוסטער גייהט מיט אנ׳אָל. מיר האָבען געלעזען אנ׳אלטען בוך. געלד האלט מען אין אנ׳אייזערנעם שראנק.

ב) ווען דער אונבעשטימטער ארטיקעל **א** קומט פאר א וואָרט, וואָס פאנגט זיך אָן מיט א וואָקאל, פערענדערט ער זיך אין **אנ׳** און ווערט געשריבען אין איינעם מיט׳ן פאָלגענדען וואָרט. ביישפּיעלען: **אנ׳**אָדלער, **אנ׳**עגבער.

שטעלט אריין דעם אונבעשטימטען ארטיקעל אָנשטאָט ×.

צו זיין געבורטס=טאָג האָט ער געמאכט ×וועגד. ×יאָהר האָט צוועלף מאָנאטען. די הוהן האָט געלעגט ×איי. די מוטער האָט געגעבען איהר קינד ×עפּעל מיט ×בערנע. דעם שילער האָט מען געקויפט ×אלף=בית. ער האָט גענומען צו זיך ×איידעם אויף קעסט. זייט ביי אונז ×אָפּטער גאסט. דער סטאָלער האָט ×האמער, ×זעג, ×הובעל און ×עגבער. ביים זיידען איז געבאָרען געוואָרען ×אור=אייניקעל. דער קצב האָט געקוילעט ×אָקס. אין וואָגען איז צובראָכען ×אקס. שטעה אויף

פֿאר ×עלטערען. מען האלט איהם פֿאר ×עהרליכען מאן. אז ×ליגנער זאָגט ×אמת וויל מען איהם אויך ניט גלויבען. צום יום=טוב האָט דער פֿאָטער געמאכט זיין זוהן ×אנצוג פֿון טייערע געוואנד.

---

§ 33. דער פֿערקירצטער בעשטימטער ארטיקעל.

דער בעשטימטער ארטיקעל **דער**, ווען ער שטעהט נאָך די ווערטער **אויף, אונטער, איבער, פֿאר, נאך, ביי, צו, פֿון, מיט** און **דורך**, פֿערקירצט זיך אין א **ן** אָדער אין א **ם** און גיסט זיך צונויף אינאיינעם מיט די פֿריהערדיגע ווערטער, צ. ב. ש: אויפ׳ן, אונטער׳ן איבער׳ן, פֿאר׳ן, נאָכ׳ן, ביים, צום, פֿונ׳ם, מיט׳ן דורכ׳ן. דערביי ווערט דער **ן** אָבגעטיילט פֿונ׳ם פֿריהערדיגען וואָרט מיט אנ׳אַפּאָסטראָף (׳), דער **ם** אָבער ווערט ניט אָבגעטיילט *), ביישפּיעלען: אויף דעם טיש — אויפ׳ן טיש; אונטער דעם טיש—אונטער׳ן טיש; ביי דעם פֿאטער —ביים פֿאָטער; צו דעם ברודער — צום ברודער.

פֿערקירצט דעם בעשטימטען ארטיקעל אין די פֿאָלגענדע זאצען.

אויף דעם בוים וואקסען עפּעל. אונטער דעם בוים איז אגעדיכטער שאָטען. איבער דעם וואלד שפּרייט זיך אוים דער בלויער הימעל. יעדער מענש שרעקט זיך פֿאר דעם טויט. ער שלאָפֿט נאָך דעם עסען. דער שיף שטעהט ביי דעם ברעג פֿון דעם טייך. ער האָט אָנגעשריבען א בריעף צו דעם לעהרער. פֿון דעם סופֿיט העננט אראָב א העננ=לאָמפּ. די מוטער שפּאצירט מיט דעם קינד. דער וועג ציהט זיך דורך דעם וואלד. די גאָלדענע זון האָט ביי דעם אויפגעהן צוריסען צוטריבען די גרויע וואָלקענעס אין דער לופֿט און מיט איהר ליכטיג פּנים אראָבגעקוקט פֿון דעם בלויען הימעל מילד, פֿריינדליך אויף דער ערד. אלע האבען זיך אויפגעהאפּט פֿון דעם לאנגען שלאָף. די פֿויגעל האָט זיך געמאכט א נעסט אויף דעם שפּיץ פֿון דעם בוים. אנ׳איינארטיגער גרויער הימעל ליעגט שווער איבער דעם שטעדטעל. אונטער דעם דאך שטעהען די פֿויגעלעך איינגעהויקערט פֿון דעם קעלט. אין דעם שטיבעל איז שרעקליך שטיל. דריי קינדער שלאָפֿען מיט דעם טאטען און דריי מיט דער מאמען.

*] דאָך שרייבט מען אינ׳ם, פֿונ׳ם.

§ 34. העברעאישע ווערטער מיט זשארגאָנישע טיילען.

די טיילען, וואָס ווערען צוגעגעבען צו העברעאישע ווערטער אין אָנהויב און צום סוף וואָרט, ווערען אָבגעטיילט פון דעם העברעאישען טייל וואָרט מיט אפּאָסטראָפען ('), צ. ב. ש.: שבת'דיג יום=טוב'דיג פער= שכור'ט, בע'גנב'עט.

שטעלט אריין די נויטיגע טיילען אנשטאָט ×.

מצות באקט פון פסח× מעהל. יודען פערברענגען דעם שבת× טאָג אין רוהע. ער איז געבאָרען געוואָרען אין א מזל× שעה. דער קליינער בחור× האלט א קליינעם סדור× און דאווענט. מען האָט זיי ×גנב×. אברהמ×, משה× און חיימ× זענען דריי ברידער. דאָס מיידעלע האָט פיעל חבר×. די בעל=הבית× פיהרט די בעל=הבת×. א גביר× א פרוי איז א גביר×, און אנ'אביונ× א פרוי איז אנ'אביונ×. דאָס מיידעל איז א שווארץ=חנ×. א מענש שטארבט, און א בהמה פגר×. ראובן און שמעון זענען יעקב× זיהן. שרה איז געווען אברהמ× ווייב. וואָס ביי א ניכטערען אויפ'ן לונג, איז ביי א שכור× אויפ'ן צונג. ער וויל מאכען דעם חזיר× פיסעל כשר. פון א חזיר× עק מאכט מען קיין שטריימעל ניט. אין קלויז הערט זיך דעם חזנ× געזאנג. אויף חתונה זענען געקומען מחותנים און מחותנת×.

געמישטע פראזען צום דיקטאט.

צו §§ 1—2.

פוטער איז ווייך. מיטוואָך איז דער פיערטער טאָג אין וואָך. דער שטראָם פון טייך איז שטארק. די בלום שמעקט. דער שטורם ברעכט בוימער. דער מויער איז הויך. זומער ווערט דער טייך פלאך. דער קרעמער עפענט די קראָם. דער בלעכער מאכט בלעכענע כלים. די מאמע מעלקט די קוה און גיט דעם קינד פרישע ווארעמע מילך.

צו §§ 4—3.

דאָס פאפיר איז דין. אין שאף האלט מען קליידער. רוף דעם דאָקטאָר. מאך פאר דיין ברודערל א פייפעלע. קויף פעפער אין קראָם. דער בריעפענטרעגער ברענגט אונז בריעף און צייטונגען. ווארף אריין די קויהלען אין סאמאָוואר. דער גאָל־מעסער איז שארף. די פויגעלעך פליהען אין דער לופטען און זינגען שענע ליעדער. דער פישער פאנגט פיש. אין פעלד שאָקלען זיך און רוישען די גרינע זאנגען. פון קוימען געהט א שווארצער רויך. די מיידעלע פלעכט א קראנץ פון בלומען.

צו §§ 1—5.

דער פאסטוך פיטערט שאָף. די היץ איז גרויס. שטיין איז שווער. ווארף א ביין דעם בייזען הונד. דער פויער מאכט א צוים ארום זיין גאָרטען. טרעף די רעטעניש. דער רייף אויפ'ן פאס האָט געפלאצט. וואש די הענד מיט זייף און פוץ די שיך מיט וואקס. די פיש זענען אין נעץ. ווייץ וואקסט אין פעלד. זעץ זיך אנידער אונטער דעם דאך. יעדער זאך מוז האָבען זיין פלאץ. קום נאָך וואסער צום טייך. זוים אָב דעם שירץ. פארב אָב דאָס קלייד אויף שווארץ. דער קויפמאן איז רייך. יענער מענש איז טויב, בלינד און שטום. געהמט מיט מיט זיך א פלאש מילך. טהו זיך אָן אין דיין גייעם פעלץ. פערפלאנץ אין דיין גאָרטען אָט דעם קארשען־בוים. מאָהן איז שווארץ.

צו §§ 6.—7

דער פּאָטער פּערלעשט דעם לאָמפּ, טהוט אוים דעם חאלאט און לעגט זיך שלאָפען. קאָרן און ווייץ שניידט מען מיט א סערפּ. דער פישער האָט אָנגעחאפּט א גרויסען קארפּ. קניפּ אָב דעם קנופּ. ביים שווארצען ים ציהט זיך א ברייטע סטעפּ. דער סלופּ איז פון טעלעגראף. דער פּייער טראָגט א טולופּ. די חוואליעס לויפען אָן אויפ'ן ברעג. חארקאָוו איז א רייכע שטאָדט. טראָגט ארויף פון סקלעפּ קאלטע ביער. חאפּ אָן דעם פערד און פיהר איהם אריין אין הויף. קויף דראפּ אויף א מאנטעל. פּערקלעפּ דעם בריעף און ווארף איהם אריין אין פּאָסט-קאסטען. דער וואָלף חאפּט שעפּסען. שארף אָן דעם מעסער ווייל ער איז טעמפּ. חינין נעהמט מען, ווען מען האָט היץ. אין חינא וואוינען די חינעזער. חמיעלניצקי איז געוועזען א קאָזאקען אטאמאן. די פרוי זיפּט מעהל דורך א געדיכטע זיפּ. דער שניידער נייהט איין די קנעפּ. היפּ ניט אריבער קיין ווערטער. קויף א שטיקעל הוהן און קאָך אוים א ביסעל זופּ פאר'ן קראנקען. רייב אָן חריין צו מיטאָג. זי האָט שענע לאנגע צעפּ.

צו §§ 8.—9

די פרוי זויגט א קליין קינד. שבת געהט מען אין קלויז דריי מאָל דאווענען. דער פויער מאכט בייטען אין גאָרטען. דעם רייכען קויפמאן טרויט מען אָן פיעל געלד. ער פליהט ווי א פייל פון בויגען. דער גרויסער הונד איז זעהר א בייזער און בייסט. די גרויסע פלומען זענען געשמאק, אָבער טייער. אין לאָמפּ איז א גרויסער פייער. די פויגעלע זיצט אין שטייג. רייכע לייט טרינקען טייערע וויין פון וויינטרויבען. צו מיטאָג עסען מיר פלייש מיט חריין מיט שווארצע ברויט. דער הימעל איז רויט, ווי פייער; דאָס איז א צייכען, אז מאָרגען וועט זיין א פיינער וועטער. זאָקען שטריקט מען פון רויטע און אנדערע בוימוואָל. פון שרעק ווערט מען בלייך. דער טייך איז ברייט. עס שוידערט פון קעלט. פון קוימען שלאָגט א רויטער רויך צומישט מיט פייער און פונקען. אין היינטיגען ריקטאט האָט איהר געמאכט דריי גרייזען. ביי דעם שניידער בעשטעלט מען נייע קליידער. יעדער קויפמאן לויבט זיין סחורה. ער טרויערט נאָך

זיין פרוי. זיי ניט פויל און צורייב ניט קיין צייט, ווייל זי איז טייערער פון געלד. פון לויטערן הימעל שיינט אראָב די זון מילד און פריינדליך. דער לייב זיצט אין שטייג. די קאַץ שפּיעלט זיך מיט דעם קנויל בוימוואָל, ווי מיט א מויז.

צו §§ 10—11

אונזער בוך איז ריין. דער קוואל שלאָגט פון אונטער דער ערד. די אוגערקעס וואקסען אין גאָרטען. ביי דער אונגליקליכער פרוי זענען איהרע קינדער געשטאָרבען. אין איטאליען פליסט דער טייך טיבר. אונזערע אורעלטערען זענען געווען אין עגיפּטען. אינגבער איז ביטער. אונגער־ווין איז טייער. היט אונז אויס פון אומגליק. אונזערע אורעלטערען זענען געווען ווילדע מענשען. איטליכער מענש מוז ארבייטען. אין אינדיען פליסט דער טייך גאנג. די אוראלער בערג זענען אין רוסלאנד. אין אונזער גאָרטען וואקסט א הויכער בוים. זומער איז דער טאָג גרויס, און ווינטער איז ער קליין. סיביר ליעגט הינט די אוראלער בערג. דער טייך אוראל און די אוראלער בערג זענען די גרעניץ צווישען אזיען און אייראָפּע. דער וועג ציהט זיך פון אופא ביז אוראלסק. איטליכער פאָטער רעכענט זיך פאר אומגליקליך, ווען זיינע קינדער ווילען ניט לערנען. פסח קוילעט מען אינדיקעס. די פויגעלע בויט זיך איהר נעסט אונטער'ן דאך. דער אינזעל ציילאָן געפינט זיך אין אינדישען ים. יאפּאן געפינט זיך אויף עטליכע אינזלען. אירלנד איז א טייל פון ענגלאנד. איבער ווינטער איז ביים פויער אוועקגעגאנגען דאָס גאנצע ברויט; איצט ליידט ער הונגער און נויט.

צו §§ 10—13

אויב איהר ווילט זעהן די נאטור אין איהר גאנצער שענהייט, טאָ פאָהרט אריבער אין איטאליען. מען קען אויך אומגערען א גרויסען שאָדען אָנמאכען. אין צימער שטעהט א רונדער אייזערנער אויוועלע. די קארפּאטער בערג אין עסטרייך־אונגארן זענען פיעל העכער פון די אוראלער בערג. פון אויבען שיינט אראָב די זון און שמעלצט דעם אייז. געזונדע אויגען און אויערען זענען א גרויסער אייגענס. אויף די אינזלען

פון אינדישען ים איז זעהר היים. צו פלייש דערלאנגט מען אָדער חריין, אָדער זויערע אוגערקעס. אייזען איז שווערער ווי שטיין. דער אייז בעדעקט דעם טייך. מיט אייל שמירט מען רעדער פון א מאשין. די מוטער ליעבט איהר איין איינציגעס קינד. די הוהן לעגט אייער. אויף די גאסען ליעגען הויכע קופעס שניי. די בוימער בליהען שוין. דער ווינד בויגט די בוימער ביז צו דער ערד. מיט די אויגען זעהט מען. ווינטער הייצט מען די אויוועגס. דער שילער מוז זיין אויפמערקזאם. ענגלאנד איז אויף איין אינזעל. אייזען איז א מעטאל. דער מענש האָט צוויי אויערען. די חדר-יונגלעך גנב'ענען זיך אוועק פון טיש, לויפען ארוים פאר'ן בענשען אויפ'ן גאס ארוים, ארויף אויף דעם בארג, וואָס איז הינטער דער שטאָדט. איהם נעהמט קיין קויל ניט. אין די גרויסע שטעדט זענען דאָ טויזענדער פאבריקען מיט הויכע קוימענס, פון וועלכע עס שלאָגט א געדיכטער שטיקענדער רויך; אין די פאבריקען רוישען די מאשינען און בעטויבען אלעמען.

צו §§ 16—14.

די נעגערס וואוינען אין אפריקע. אין איטאליען געפינען זיך צוויי וואולקאנען. פון יאנוואר ביז יולי איז א האלב יאָהר. אין יוני איז ביי אונז דער גרויסער יאָהרמארק. חסידים טראָגען זיידענע זשופיצעס. דער בושעל וואוינט אויף די זומפען, וואו ער חאפט זשאבעס. דער סאָלדאט איז פערוואונדעט געוואָרען אויף מלחמה. דאָס וואסער אין טשייניק זידט שוין. זומער בעווייזען זיך זעהר פיעל זשוקעס און פליגעלעך. די דייטשען וואוינען אין דייטשלאנד. יאלטא און יעוופאטאָריע זענען אין קרים. אין סיביר וואוינען יאקוטען. די יוגענד לויפט גיך אוועק. יורען ריידען זשארגאָן ער האָט אויסגעשריבען א נייעם זשורנאל אויף דעם קינפטיגען יאָהר. די יעגלע האָט אויף זיך נאָדלען. דער פאסטוך טרייבט די טשערעדע מיט א בייטש. דער וואוילער יונגעל האָט אלעמען פערוואונדערט מיט זיין שכל. יענטע און יאכנע זענען נעמען פון יודישע פרויען. זומער וואקסען אין די וועלדער פיעל פערשידענע יאגדעס. יענער אלטער יוד טראָגט אנ'אטלעסענע זשופיצע מיט א זיידענעם גארטעל און א יארמולקע.

צו §§ 17—21

מען גראָבט א טיעפע גרוב אויף א ברונען. די פרוי צאפט אָן טיי. די קאץ חאפט מייז. דאָס פערד איז בעהאנגען מיט גלעקלעך. די פרוי שטריקט א זאָק. דער ברודער קריעגט זיך מיט דער שוועסטער. ווינטער פליקט מען פעדערען. די הויט ביי די נעגערס איז שווארץ. טינט איז שווארץ. די גאנז איז פעט. די ציינער ביים וואָלף זענען שארף. די שיף מיט די שיפלייט זענען דערטרונקען געוואָרען. די קעכין פרעסט די וועש. דער שילער איז שפעט געקומען אין קלאס, און דער לעהרער האָט איהם דערפאר בעשטראָפט. דער ווינד קלאפט אין פענסטער און פייפט אין קוימען. שבועות באקט מען באבקע און פורים קאָכט מען קרעפּלעך. אין דער לופטען טראָגען זיך גרייפלעך שניי. דער האָלצהעקער האקט און זעגט די האָלץ. די זאכען זענען שוין פערפאקט. דער פנים איז ביי איהם צופאָקט.

גאנצע ארטיקלען צום דיקטאַט.

צו §§ 1—13

הערבסט אין וואלד.

שא, שטיל איז אין דעם וואלד, ווי אין שטעדטעל שבת, ווען דער עולם שלאָפט נאָך מיטאָג, און די שטילקייט דאָרט ווארפט אָן א מרה־שחורה. די בוימער שטעהען עפּעס, ווי פערטראכט, פערזאָרגט — נאָר נישט דאָס פנים, דאָס געשטאלט, וואָס פריהער. זייער שאָקלען מיט די צווייגען — דאָס איז אברעכען מיט די הענד, זייער רוישען — דאָס איז א ביטערער קרעכצען פון א געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אליין, נאָכדעם, ווי איהרע קינדער צופאָהרען זיך אין אלע זייטען. דאָרט, וואו עס האָט ערשט געלעבט, זיך געריעש׳ט, געזונגען געשפּרונגען אין איטליכס ווינקעלע, איז איצנד שטיל רוהיג, ווי אויף א בית־עולם. נישטאָ די פריהערדיגע לעבעדיגקייט, די פרישקייט

און אויפגערוימטקייט; אלצדינג שטעהט עפעס, ווי ברוגז, זעהר אומעטיג. דער הימעל קוקט אויך נישט פריינדליך און איז עפּעס שטארק אָנגעבלאָזען. וויסט זענען די נעסטען — די פויגעלעך זענען זיך צופלויגען...

[ש. י. אבראמאוויטש]

ווינטער.

פריה האָט זיך געשטעלט דער ווינטער. פּלוצלונג, איידער דער עולם האָט זיך ארומגעקוקט, האָט פון צפון־זייט אבלאָז געטהון אקאלטער ווינד, און זיך אָנגערוקט אבייזע, פינסטערע חמארע — דעם ווינטערס צוויי קאָזאקען — לויפענדיג פאָראויס מיט אשטורם, אפייפען: „ציטערט, לעבעדיגע בעשעפעניש! אָט קומט ער, דער קאלטער פעטער, און וועט אייך אָנרייבען ארויטע נאָז"... די פעלדער ליעגען שוין בעגראָבען אין דעם ווייסען קיטעל פון שניי. די בוימער דאָרט שטעהען אָבגעשמיסענע, נאקעטע, אראָבגעלאָזען די קעפּ, און די צווייגען געפענטעט מיט קייטען פון פליטערלעך, פרענטעס אייז. פון פויגעל און וואלד־חיה'לעך איז נישטאָ קיין שפור, אלע, ווי אויסגעשטאָרבען: די ליעגען בעהאלטען טיעף אין די לעכער, יענע האָבען בעצייטענס געמאכט אפלטה — אוועק, וואוהין די אויגען טראָגען, און אומעטום איז שא, שטיל.

[ש. י. אבראמאָ־יטש]

זומער־טאג.

דער הימל איז בלוי, לויטער, אָהן אפיצעל וואָלקען. די זון בראָט, סמאליעט; עס וויהט נישט קיין ווינדעלע; מען פיהלט ניט קיין לופטעלע; די תבואות אויף די פעלדער, די בוימער אין די וועלדער שטעהען שטיל, ווי צוגעקאָוועט, קיין שאָקעל אפילו זיך נישט צו טהון. קיה אויף דער פאשע ליעגען מיד, אויסגעשטרעקט די העלזער שאָקלען צו ווילען די אויערען, קייען און מעלה־גרה'ן; אנדערע גראָבען אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער שארען מיט די קאָפּיטעס און רעווען, שרייען, פאר גרוים היץ. נעבען אנ'אלטער אויסגעקרימטער און האלב פערדארטער ווערבע, איבערגעשפּאָלטען אין דער העלפט אמאָל פון אדונער, שטעהען פערד, איינער אויפ'ן אנדערען פערלעגט די

קעפ צו מאכען חאָטש עפּעס אשאָטען און שמייסען מיט די ווידלען פּטור צו ווערען, ווי ס'איז, פון די בייזע פליגען. אויף דעם גאנצען וועג איז שא, שטיל! מען זאָל דאָס הערען ערגיץ אפויגעל! נאָר קאמארען, מוקען טראָגען זיך, ווי די רוחות אין דער לופט ארום, פליהען, טאנצענדיג פארביי די אויערען, טהוען אגרילץ, אזשוזשע, איינרייסענדיג עפּעס אסוד, און באלד טאקי מארש ווייטער. נאָר צווישען היי, צווישען תבואות, דאָרט שמוצערען די גרילען, זשומזשען און ציםבלען.

ס'איז היים, ס'איז שטיל, וואונדערליך שען.

שא! גאָטס בעשעפענים רוהען.

(ש. י. אבראמאָוויטש)

שבת ביי טאג אין שטעדטעל.

דער שבת איז אויפ'ן בארג. דאָס שטעדטעל שלאָפט זיך געשמאק אונטער דעם מאמעס פארטוך — די מנוחה פון שבת. און חדר־יונגלעך האָבען זיך אויף דעם בארג פערקליבען. אויף דעם שפּיץ בארג שטעהען יונגען און קוקען דורך די פויסטען אויפ'ן שטעדטעל—מרגלים הייסט עס „שפּירען אוים דעם אָרט" מיט שפּאק־טיוועז. בארג אראָב גליטשען זיך יודישע קינדער איינס נאָכ'ן אנדערן, איינס נאָכ'ן אנדערן און צורייבען די שבת'דיגע קאפּאָטקעלעך מיט די שבת'דיגע שטיוועל. ווייבער געהען שפּאצירען אויפ'ן וועג, פאר'ן בארג און שטעלען זיך אָב, שרייען אויף דעם בארג ארויף: „נחום, די שבת'דיגע קאפּאָטע! חיים, געהסט אראָב דו געהסט?" חברה הערען נישט און גליטשען זיך ווייטער איינס נאָכ'ן אנדערן בארג אראָב. באלד שרייט איונגעל: דער רבי געהט, דער רבי! און חברה מאכען פלטה ווייט אוועק.

[שלום אש].

די שטוב.

ביים עפענען די טהיר קומט מען גלייך פון דער גאס אריין, אזוי ווי מען שטעהט און געהט אין אחדר, אגרויס, אלאנגס, דער עיקר דירה, וואס הייסט אייגענטליך שטוב. אין דער הינטערסטער וואנד פון שטוב, אינוויניג, אקעגען דעם אריינגאנג פיהרט א טהיר

אין א פינסטער הויז, אָהן פענסטער, אָהן א באלקען — אנ׳אָרט פאר האָלץ וכדומה נויטיגע זאכען אין דער בעל־הבת׳ישקייט, און אמאָל איז עס אויך א שטאל פאר דער בהמה, בשעת די גרויסע פרעסט ווינטער, אָדער ווען זי איז קעלביג, א שטיינער, און קען נעבעך נישט נעכטיגען, ווי געוועהנליך, אין דרויסען. ביי דער זייט פון דער דאָזיגער הינטער־טהיר לינקס שטעהט א גרויסער אויוען אויף צו קאָכען און באקען, און אונטער דעם פריפעטשיק איז דאָ א קאטוך פאר עופות, וואָס לעגען דאָרט אייער און קוואָקטשען, וואָס נעכטיגען דאָרט ביי נאכט, קריכען גאנץ פריה פון דאָרט ארויס און שפאצירען זיך פריי אין שטוב ארום, פול אין איטליכס ווינקעלע, אויף טיש און אויף בייגק.

[ש. י. אבראמאוויטש]

צו §§ 1—30.

אהייזעל ביים טייך.

איינס אליין און פאר זיך אליין שטעהט זיך א הייזעל אין טהאָל צווישען צוויי הויכע בערג, וואָס לאָזען זיך ווייט און הויך אין דער וועלט אריין ביים ברעג פון טייך ווייכסעל. ווינטער איז עס; גאָטס וועלט איז איינגאנצען אין שנייט פערטרונקען. אונזער הייזעל, ווי אנ׳אלטער בעל־הבית אין תכריכים, שטעהט זיך ביים ברעג, קוקט זיך צו צום פערפרוירענעם טייך, זיין שכן, און עס שווייגט, ביז דער טייך וועט צו תחית־המתים אויפשטעהן. דערוויל איז דער טייך געשטאָרבען, געפרוירען און מיט א ווייסען קיטעל איינגעהילט. ראָבען פליהען אויף זיין ברייט און לענג, שטעלען זיך אויף דעם טייכס רוקען און לעכערען זיין אָבגעטאָקטע דעקע. טיילמאָל געהט א מענש איבער׳ן טייך, און דעם מענשענס פיס טוקען אין דעם ווייסען, טיעפען שנייי. און פון ביידע זייטען הייזעל זעהען אוים די הויכע בערג, ווי שטיקער געפאלענע פליגלען פון אנ׳אדלער, וואָס ליגען איינער אויפ׳ן צווייטען, אָדער ווי שטיקער געפרוירענע וואָלקען וואָלטען געפאלען איינס אויפ׳ם צווייטע. אויף די רוקענס בערג קריכען נידריגע שניי־בוימעלעך; איין בוימעל, בעדעקט פון קאָפ ביז די פיס אין שניי, האָט זיך אויפ׳ן שפיץ בארג

ארויפגעהאַפּט; עס שטעהט איינס אליין אין דער הויך און עס קוקט זיך ווייט און ברייט אין דער ווייסער וועלט... ביים ברעג פון טייך, צופוסענס דעם בארג און צוקאָפּענס דעם טייך, שטעהט א שערענגע בוימער איינס נאָכ'ן אנדער'ן מיט שניי בעדעקט, וועלכע זעהען אוים, ווי ווייסע עדות, וואָס שטעהען און היטען דעם ריזיגען מת, דעם טייך.

עס איז ווינטער. מיט שניי ארום איז אלץ נאָך בעדעקט, נאָר דאָך קוקט שוין גאָט פון דער הויך מיט קלאָרע אויגען אראָב. די זון איז איבער די גרויע ווינטערדיגע וואָלקען פערשפּרייט, און איהרע שטראהלען לעכערען די ווינטערדיגע דעקע. אויף די ארומיגע בערג צוגעהט דער שניי קלאָר, ריין; קיין מענשענס פוס האָט נאָך ניט זייער ריינע ווייסקייט בעריהרט, און גאנצע שטראָמען צוגאנגענער שניי לאָזען זיך גליטשענדיג פון די בערג אראָב און פאלען אין דעם האלב געפרוירענעם טייך אריין. דאָס אייז איבער'ן וואסער איז ריין, דורכזיכטיג, און דאָס וואסער קוקט דורך איהם, ווי דורך א קלאָרע שויב ארוים. טהיילמאָל ווארפט זיך א פיש ארויף, האקט אויף די שויב מיט'ן ווידעל, ווארפט א בליק אויף גאָטס פרייע וועלט און פאר גרוים גדולה, אז די מאמע, דאָס וואסער, וועט באלד פון זיך די שויב אראָבווארפען, לאָזט ער זיך, טיעף נאָרקענדיג, אין וואסער אריין די בשורה די חברים אָנצוזאָגען.

(שלום אש).

דער פערפרוירענער טייך.

ניט איין טאָג, ניט צוויי און ניט דריי האָט דער פראָסט זיך געפּרובט אָבצושטעלען דעם טייך; אלע טאָג פלעגט ער קומען אויף א בייזען ווינד און פלעגט ווילד בלאָזען, עס האָט איהם אָבער נישט געהאָלפען — דער טייך האָט זיך געטהון זיינס, געפּליסט און פרעהליך גערוישט.

און דער פראָסט האָט זיך ניט געקענט בערוהיגען; ער מוז ווייזען דעם טייך, ווער עלטער איז! און וואָס א טאָג, פלעגט זיין צאָרן ברענענדיגער ווערען און מיט אלערליי בייזע ווינדען, שטורם און שנייען פלעגט ער דעם טייך בעלענערען.

און ביסלעכווייז האָט זיך דער טייך אָנגעהויבען אונטערצוגעבען. ער האָט זיך מיט וועהטאָג איבערצייגט, אז ער האָט דאָ צו טהון מיט א מעהר שטארקען, מיט א מעהר בייזען.

פערפאלען — עס מוז געשעהן.

און אין איין פריה־מאָרגען האָט ער זיך דערפיהלט, ווי פערצוויגען מיט א בעלמע, און נאַר, ווי דורך א נעבעל, זעהט ער דעם הימעל; דעם צווייטען טאָג האָט ער זיך נאָך ערגער געפיהלט. די בעלמע איז דיקער געוואָרען, און דער הימעל איז שוין אינגאנצען פערשטעלט. דאָס בעוועגען זיך ווערט איהם אלץ שווערער, און שפּיעלען זיך מיט די חוואליעס. איז שוין גאָר אוממעגליך.

ער האָט זיך געשטעלט.

שווער איז איהם זיך צו געוועהנען צו אזא שטילקייט, און דער דיקער אייז פרעסט איהם, ווי מיט טויזענדער שטיינער.

(א. רייזען).

א פריהלינגס־טאָג.

א שענער, א ווארמער פריהלינגס־טאָג. די גילדערנע זון האָט ביים אויפגעהן, צוריסען, צוטריבען די גרויע וואָלקענס אין דער לופט, און מיט איהר ליכטיג פּנים אראָבגעקוקט פּוג׳ם בלויען הימעל מילד, פריינדליך אויף דער ערד. גאָטס בעשעפעניש, אלע פון גרוים ביז קליין, האָבען, אויפחאפּענדיג זיך פּונ׳ם לאנגען ווינטער־שלאָף, לעבעדיג, פרעהליך זיך גענומען איטליכער צו זיין זאך. פריש־געלע בלומען שטעקען ארויס די קעפּלעך פון צווישען יונגע, גרינע גראָז, קוקען ארויס און מאכען חן. ווערבעס ביים טייך האפּען זיך אָנטהון זייער ניי גרינע זשופּיצע, שפּיגלענדיג זיך אין דעם וואסער ריין, קלאָר, ווי זילבער. פון די ווייטע ווארמע לענדער, דאָרט פון דער פרעמד, קומען עופות טשאטעס־וויז צוריק אהער אין זייער רוה אריין. ווילדע גענז פליסקען זיך ערגיץ צווישען ווינפּעס דאָ אין טייך. ווילדע קאטשקעס דרעהען זיך ארום דעם טשערעט, ארוים, אריין מיט א געהילך, א געשוויטש. שוועלבעלעך פלאטערען, שוועבען אהין, אהער אין דער לופט, שטארק פערטראָגען אין דעם בויען, פערריכטען זייער און אלע נעסטער. ברוך הבא. דאָס אלטע בעקאנטע פּאר פאלק בושלעס איז אויך למזל דאַ אין א גוטע שעה. זי, די בושעליכע, שטעהט אויף איין פוס, דאָס קעפּיל אין דער זייט, שטעהט בעטראכט אידר אלטעם נעסט אויף א שפּיץ בוים, און ער אויף די־

לאנגע שטעלצען שפאצירט זיך האָפּערדיג אויף דעם זומפּ דאָרט, צוקוקענדיג זיך צו א קאליזשע, וואו עס שפּרינגען, קוואקען זשאבעס, און פּלוצים—פּיק-פּיק: א חאַפּ אין דעם רויטען, וויטען פּיסק אריין... ס'איז א לעבען, א פרייד, א פליהעניש א זשוזשעניש, א געזינגעריי, א געשווישטשעריי אומעטום.

(ש. י. אבראמאָוויטש)

צו §§ 1.—34

נאָך דער שׂרפה.

דער פייער איז שוין געווען פערלאָשען. דאָ און דאָרט האָט עס נאָך זיין לעצט ביסעל צאָרן אויסגעלאָזט צו אנ'איבערגעבליבענער וואנד, צו א פליטעל, א באלקע און עס האָט געטליהעט און געטליהעט. דאָ און דאָרט האָט זיך געוויזען א האלב אָבגעמאָלט ווענדעלע פון א צולעגטער שטוב, וואָס האָט נאָך אין זיך געהאט אנ'אָנגעקלאפּטע פּאָליצע. אונטער די פיס האָבען זיך געוואלגערט צובראָכענע כלים, שטיקער מעש פון לייכטערלעך און שבת'ניקעס און אין מיטען דערינען א שטיק זיידען שבת'דיגע קלייד, א טליהענדע שמאָכטע מיט אנ'אָנגערויכערטען שייטעל. דאָ און דאָרט זענען יודען געשטאנען און מיט שטיקער אייזען אין די הענד האָבען זיי פון די גליהענדע קויהלען אויסגעשארט שטיקער צובראָכענע כלים, האלב אָנגעטליהעטע קאָלדרעס, פיס פון צובראָכענע טישען, בייננק, און יעדער האָט זיך זיין ביסעל בעל־הבת'ישקייט צוזאמענגעראבעלט. מיידלעך זענען ארומגעלאָפען און פון פרעמדע הויפען דאָס ביסעל בעל־הביתישקייט, וואָס זיי האָבען עס ביינאכט צעוואָרפען, צוזאמענגעקליבען, געלעגט א פּעקעל צו א פּעקעל און אויף זיי די פּיצעלדיגע קינדערלעך ארויפגעזעצט. קליינע יונגלעך האָבען פון פייער ארויסגעגראָבען די האלב פערברענטע ספרים, אויסגעזוכט שמות, געקושט עס, צוזאמענגענומען און אין דעם איבערגעבליבענעם בית־המדרש'ל געטראָגען. און דער ליכטיגער טאָג און די ליכטיגע זון, וואָס האָט זיך הערליך ווייט און ברייט איבער'ן הימעל אויסגעגאָסען, האָט געשאָטען אויפ'ן שטעדטעל מיט ליכט און העלקייט. נאָר די ליכטיגקייט האָט

גליהענדע חורבות, איבערגעבליבענע קוימענס און וואלגערענדיגע קליינע קינדערלעך בעלויכטען און בעהעלט.

(ש. אש).

די חתונה אין שטעדטעל.

דאָס גאנצע שטעדטעל איז פול מיט מחותנים און מחותנת'טעס. מען ראמפעלט ארום אויף שליטענס, וועלכע קלינגען מיט די גלעקלעך אין אלע גאסען. עס בעוויזען זיך יודען אין אויסגע־שמירטע שטיוועל מיט אייל, אין שבת'דיגע, טוכענע קאפאָטעס מיט'ן שניט פון הינטען; מחותנת'טעס מיט ברייטע שטערענטיכער מיט הארץ־ברעטלעך. מחותנת'טעס מיט הויכע הויבען, מיט שלייפעלעך אין זיידענע ברייטע קליידער, ברוגז'דיגע מוהמעס שטעהען פאר די טהירען אָנגעטהון מיט די קייטעלעך, מיט די בראָשקעלעך און ווארטען אויף דעם שליטען, וואָס מען האָט ארויסגעשיקט נאָך די חתונה־געסט, האָטש זיי האָבען איינינע טריט נאָר אריבערצוגעהן. מיידלעך, בעל־הבת'ישע קינדער, זענען אויס־געציהרט אין ווייסע קליידלעך און בלויע סטיינגעס און מיט ווייסע שיכלעך.

דאָס גאנצע שטעדטעל קומט אָן אויף איין פלאץ און מען טאנצט אין שניי. יונגען קנעטען קוילען שניי און גרייטען זיך אָן, ווען מען וועט חתן־כלה צו דער חופה פאר'ן שוהל־הויף פיהרען... און די לבנה שטיפט אויך ארום, בעגיסט מיט ליכט דעם שניי, וואָס ליעגט, ווי א ווארימע דעקע איבער'ן שטעדטעל. און די הייזלעך שטעהען אין די ווייסע קאָפקעלעך אויפ'ן קאָפ, און שליטענס ראמפלען, גלעקלעך קלינגען, רוישען, און יונגען חאפען זיך ארויף פון הינטען אויפ'ן ברעטעל.

אין גאס האָט זיך געהערט פידלען שפיעלען חסיד'ישע, לאנגע, אויסגעצויגענע נגונים. פון די פענסטער וויזען זיך ליכט און לאָמפען; אויפ'ן געסעל ווערט העל, ליכטיג. ווייבער שטעלען זיך פאר די טהירען מיט אָנגעצונדענע קיהן־העלצלעך; די פייער'ען צופלאקערען זיך. מען פיהרט דעם חתן מיט דער כלה צו דער חופה פאר'ן שוהל־הויף. עס הויבען אָן געהן חסידים אין שווארצע שטריימלעך — א ים שווארצע סאמעטענע היט, אטלעסענע קאפאָטעס. עס שיטען זיך

ווייבער אין בלאנקענדיגע שטערענטיכער און מיט בריליאנטען, וואָס זענען איינגעזעצט ווי שטערען. ברייטע זיידענע קליידער רוישען כּפול־שמונה׳דיגע הבדלות פלאקערען אין די הענד.

(ש. אש).

ווינטער פארנאכט.

אנ׳איינארטיגער, גרויער הימעל ליעגט שווער איבער דעם שטעדטעל. די גאַסען זענען מיט שניי בעשאָטען. הויכע קופּעס שניי, ווי ערשט פון גאָטס אוצר אראָבגעפאלען; אזוי גלייך, אזוי אָבגעטאָקט, ווי מען וואָלט מיט צופליים איין פראָשקעל אויפ׳ן צווייטען ארויפגעהויכט. זיי ליעגען פאר די הייזער, און די הייזלעך — ווייסע נאכט־קאָפּקעלעך אויף די קעפּ. דער מארק, די ווייסע בריק — מיט שניי בעשיט. עס דאכט זיך, אז אלץ בליהט פון זיך מיט שניי. אויך די צווייגען פון די בוימער ציהען פון זיך לאנגע שניי־שטריקלעך, און עס דאכט זיך: אָט־אָט האָט דאָס צווייגעלע ווייסע שניי בלומלעך פון זיך ארויסגעצויגען.

ארום און ארום איז אווייסע וועלט: ווייסע גאסען מיט ווייסע הייזלעך. אויך דער בארג איז אין ווייסען אָנגעטהון. אין שטעדטעל זעהט שטענדיג אוים, ווי צו מנחה־צייט.

און דער שניי פאלט און פאלט. דרעהען זיך יודען אין גאס ארום, פערשטעלט ער זיי, מאכט פון יונג אלט און פון אַלט יונג. חדר־יונגלעך טרעטען אין שניי א וועג אוים אין בית־המדרש אריין, און עס לאָזען זיך אויף דעם אויסגעטרעטען שטעגעל צווישען די קופּעס שניי איין יוד נאָכ׳ן אנדער׳ן איינגעבויגען אין בית־המדרש אריין מנחה דאוונען.

און דער שניי פאלט און פאלט.

ש. אש.

שבת־צו־נאכט.

ס׳איז ווינטער, שבת־צו־נאכט, נאָך הבדלה. אויפ׳ן־לוטשניק אונטער׳ן קוימענדעל ברענט פרעהליך אפייעריל, וואָס פון צייט צו צייט ווערט ער אונטערגעהאלטען מיט דינע טרוקענע שפּענדלעך. דעם פייערל אקעגען ביי א טיש, צוגערוקט צו דער ווארימער הרובע זיצט

דאָס הויזגעזינד; אַ שכנה פון דער צווייטער שטוב, פול מיט נייעס, ווי אַ פויק, איז אויך דאָ; מען וואַרפט זיך איבער מיט אַ וואָרט און מען פליקט פעדערן, און דערביי טאַקי לייענט איינער פון די קינדער פאַר די מעשה פון יוסף הצדיק מיט די ברידער אויף עברי־טייטש; מען האָט הנאה — מען וואונדערט זיך אויף די גבורות פון יהודה: פון זיינס אַ געשריי ווערט שיעור ניט אַ תּל פון גאַנץ מצרים! די קאַץ זיצט זיך, צושאַרענדיג צום אויווען, לעקט אַלאַפּקעלע, מאַכט מיט אויערלעך און האָט, ווי עס זעהט אויס, אויך הנאה. אין אויווען הייצט זיך, עס קאָכט זיך וועטשערע. נאָר קודם כל שטעהט דאָרט אַ טעפּעל קאַרטאָפלעס אויף איבערצוחאַפּען דערווייל. רבי חיים געהט הין און צוריק איבער דער שטוב, נאָך אין דער שבת׳דיגער קאַפּאָטע און זינגט זיך „אליהו הנביא״ מיט גרוים געפיהל, און ווי ער לאָזט אויס דעם סוף: „במהרה יבוא אלינו״ — גיך און באַלד קומט ער צו אונז, עפענט זיך די טהיר, און לייטישע מענשען פונ׳ם שטעדטעל קומען אריין — „אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָהר!״

[ש. י. אבראַמאָוויטש]

חייקעל דער קרעמער.

אין דער אמת׳ן איז חייקעל ניט קיין קרעמער, ער זיצט גאָר אין בית־מדרש און לערענט. זונטאָג נאָר געהט ער אין מאַרק העלפען זיין חנה׳ן אין קראָם. איז דער זונטאָג פאַר איהם אַ מין אָבקומעניש. ער ציטערט. דער מאַרק רוישט, ווי אַ וואַלד. די פויערים פון די נאָהנטע דערפער קומען זיך צונויף מיט פערד און וועגען. חייקעל שטעהט נעבען קראָם, בעטראַכט די גרויסע מחנה פויערים, הערט זיך צו, צו דעם ווילדען געטומעל און ציטערט. אז די פויערים, קונים, בעלאַגערן זיין חנה׳ס קרעמעל, ווערט זיין שרעק נאָך גרעסער. ער קאָן ניט פאַר שטעהן, ווי אזוי זיין חנה, אַ פשוט׳ע יודענע טענה׳ט מיט יעדען בעזונדער מיט קוראַזש און שטאָלץ.

— גזלנ׳טע, האָב רחמנות! — ווילט זיך איהם אויסשרייען, — דו וועסט נאָך עפּעס אָנמאַכען!

און ווען דער טומעל אויף דעם מאַרק ווערט צוליעב אַ וואָסער סבה עפּעס גרעסער, דוכט זיך איהם, אַז אָט האָט זיך שוין עפּעס אָנגע־

הויבען, און אבלייכער שרייט ער אוים: — חנה, חנה, זעהסט? וואָס איז דאָרטען?

נאָר חנה הערט אפילו ניט, וואָס איהר למדן רעדט. דער עולם פויערים ארום קראָם איז גרויס, און זי אליין קען זיך ניט צורייסען, בעט זי חייקלען: — חייקעל, גיב אכטונג.

חייקעל פאָלגט זיין חנה׳ן. ער הויבט אָן אכטונג צו געבען. נאָר ווען עמיצער אפויער ווענדט זיך צו איהם מיט אבקשה, דערשרעקט זיך חייקעל און רוקט זיך אָב.

— באלד, באלד, פריצ׳ל! — ענטפערט ער און האָפט, אז נאָך אזא וויכען וואָרט, ווי פריצ׳ל, וועט דער גוי איהם גאָר נישט טהון.

בערוהיגען בערוהיגט ער זיך ערשט שפעט אין אָוועגד, ווען חנה הויבט אָן צעהלען דעם פדיון און קלינגען מיט די שליסעלעך צו פערמאכען די קראָם. גאָר זיכער דערפיהלט ער זיך ערשט אין דער היים, און ביז דעם צווייטען זונטאָג קוקט ער שוין אין קראָם גאָר ניט אריין.

[א. רייזען]

צווייטע אבטיילונג.

I. די איינפאכסטע איבונגען אינ׳ם אויסלעגען די גענדאנקען שריפטליך *).

---

§ 1. וועש און קליידער.

אנ׳אונטערראָק, א העמד, א יאק, א זאָק, א קלייד, א האנדטוך, א פעלץ, א ליילאך, א קאפּאָטע, א ציכעל, א סאלפעטקע, הויזען, א הוט, א טישטוך, א טאשענטוך.

א) שרייבט אויס די נעמען פון וועש.

מוסטער: וועש: אנ׳אונטערראָק, א העמד א. א. וו.

ב) שרייבט אויס די נעמען פון די קליידער.

מוסטער: קליידער: א יאק, א פעלץ א. א. וו.

---

§ 2. גרינס און פרוכטען.

ציבעלע, קירבעס, מעהרען, קארשען, קארטאָפעל, פלוימען, בוראקעס, בערנעס, רעטאך, עפעל, אוגערקעס, אפעלסינעס.

---

*) דער לעהרער מוז פון דער ערשטער איבונג אָן אכטונג געבען, די שילער זאָלען ריכטיג בענוצען די פונקטואציאָנס-צייכענס. די מוסטערען, וואָס זענען דאָ געגעבען ביי יעדער איבונג, וועלען פערגרינגערען די שילער זייער ארבייט.

א) שרייבט אויס די נעמען פון גרינסען.

מוסטער: גרינסען: ציבעלע, קירבעס א. א. וו.

ב) שרייבט אויס די נעמען פון פרוכטען.

מוסטער: פרוכטען: קארשען, פלוימען א. א. וו..

§ 3. וואָס איז דאָס?

א פילקע, א האנדטוך, א חלה, א העמד, זופּ, א פּאַפּקע, א פארטוך, זאָקען, א מאנטעל, א רעקעל, ברויט, א לאקען, געבראָטענס, א ביהן, א קאץ, א טויב, אַנ'אָקונע, א פליג, א קאראס, א העלפאנד, א שעפּס. א סאַראָקע, א הוהן, א קאָמאר, אַ הונד, א וואָלף, א פוקס, אנ'ענטעל, א העכט, א גאנז, א שלייען.

די ענטפערען: א צאצקע, א שפייז, א קלייד, וועש, א געקעכטס, אנ'אינזעקט, א חיה, א פויגעל, א פיש.

מוסטערען: א פילקע איז א צאצקע. ברויט איז א שפייז. א ביהן איז א אנ'אינזעקט.

§ 4. פון וואָס איז דאָס געמאכט?

א) אייזען, טשוגון, ליידם, פּאָרצעליי, זילבער, האָלץ, גלאָז, שטאָהל, קופּער, בלעך.

דערשרייבט, וואָס עס פעהלט.

א שטוהל איז געמאכט פון... א האק...

א קאסטען... א זעג...

א טאָפּ... א פלאש...

א סקאָוואָראָדע... א שליסעל...

א טהיר...	א פינגערהוט...
א טעלער...	א דאך ...
א טעצעל...	אנ׳עמער ...
א פאן...	א שלאָס...

ב) א טיש, א טינטער, א טאפעל, א באנק, א פלאש, א ליניקע, א בילד, א העפט, א גלאָז, א בוך.

שרייבט אויף: וועלכע פון די זאכען זענען געמאכט פון האָלץ?
וועלכע פון גלאָז?
וועלכע פון פאפיר?

מוסטער: פון פאפיר זענען געמאכט א בילד, א העפט און א בוך.

---

5. § וואָס איינער נייהט אונז?

וואָס נייהט אונז דער שניידער? שוסטער? קירזנער?

די ענטפערען: א קלייד, א מאנטעל, א פעלץ, א היטעל, שטיוועל, קאמאשען, שלאָף־שיך, א רעקעל, הויזען.

מוסטער: דער שוסטער נייהט אונז שטיוועל, קאמאשען און שלאָף־שיך.

---

6. § פון וואָס מאכט מען דאָס?

דאָלעס, שטאָהל, גומי, פאָרצעליי, פעל, גלאָז, טוך, וואָל, האָלץ, קארטון, צין, לייוועגט, זילבער, מעש, בוימוואָל.

דערשרייבט, וואָס עס פעהלט.

א העמד מאכט מען פון...	שטיוועל ...	קאלאָשען...
א מאנטעל...	הענטשקעס...	א רעקעל...
א שירעם...	אקלייד...	זאָקען...

סאמאָווארען...	טעלער...	טעפּ...
לעפעל...	פאנען...	גלעזער...
פעסער...	סקאוואָראָדעס...	מעסערס...

§ 7. געפעס.

אין וואָס קאָכט מען זופּ? אין וואָס ברידט מען מילך? פון וואָס טרינקען מיר טיי? וועלכע געפעס שטעלט מען ארויף אויפ'ן טיש צו מיטאָג? אין וואָס ברענגט מען וואסער פון טייך? אין וואָס האלט מען וואסער?

די ענטפערען: אנ'עמער, א פאן, א טאש, א גלאָז, א פאס, א קרוג, טעלער, גאָפּעל, מעסערס, לעפעל, שיסלען, א זאלץ-מעסטעל, א טאָפּ.

§ 8. וואָס איינער טהוט?

א לעהרער...	א סוחר...	א קוימענקעהרער...
א שילער...	אשטיינערהעקער...	אנ'ערד-ארבייטער...
א שמיד...	א בעקער...	א שוסטער...
א מאלער...	א קעכין...	א פאסטוך...
א נייטאָרין...	א שניידער...	א גלעזער...

די ענטפערען: פארבט, נייהט-קליידער, שמידט, לערענט זיך, קאָכט, פיטערט בהמות, קעהרט קוימענס, האנדעלט, באקט, שטעלט אריין שויבען, אקערט, נייהט שוכווארג, האקט שטיינער, זייהט.

§ 9. וואָס איינער עסט?

א קוה עסט...	א פיש...	א הוהן...
א פערד...	א הונד...	אנ'עזעל...
א שפין...	א קאץ...	א שטאָרך...

די ענטפערען: שאפים, שלאנגען, היי, האָבער, גערשטען, ברעקלעך, [illegible], מילך, פוטער, ביינער, ווערים, קלייען, פליגען, גראָז.

מוסטער: א קוה עסט היי, גראָז און קלייען.

---

§ 10. וואָס גיבען אונז די חיות און עופות?

א קוה גיט אונז...	א הוהן...	א גאנז...
א ביהן...	א שעפס...	אנ'ענטעל...

האָניג, מילך, פלייש, וואָל, אייער, שמאלץ, וואקס, פעדערען.

---

§ 11. וועלכע?

פאפיר (וועלכע?)	א שוואָם...	א שטוהל...
א טאפעל...	א לינייקע...	א בליישטיפט...
א באנק...	קרייד...	טינט...
א טיכעל...	א טיש...	א פענסטער...

שווארץ, לאנג, ווייס, שמאָל, קורץ, ברייט, הארט, ווייך, רונד, פיערעקיג.

---

§ 12. פון וואָס פאר א פארב זענען די זאכען?

גאָלד, מילך, טינט, פאפיר, שטרוי, סאזשע, דאָלעס, קויהל, א טאפעל, שניי.

געל, ווייס, שווארץ.

מוסטער: גאָלד איז געל.

---

13. § וואָס פאר א פאָרמע האָבען די זאכען?

קארשען, באלקענס, קירבעסען, העפטען, טישען, עפּעל, טעלערס, ביכער, דילען, פילקעס, רינגען.

קיילעכדיג, לאנג, פיערקאנטיג, רונד.

מוסטער: באלקענס זענען לאנג. קארשען זענען קיילעכדיג.

---

14. § מיט וואָס איינער בעשיצט זיך?

די ביהן...	דער שלאנג...	דער וואָלף...
די קאץ...	דער הירש...	דער בער...
דער אָקס...	דער לייב...	דער פערד...

הערנער, קאפּיטעס, גיפט, ציינער, נעגעל.

מוסטער: די ביהן בעשיצט זיך מיט איהר גיפט.

---

15 § ווי די חיות בעוועגען זיך?

א פערד...	אנ׳אָקס...	א שלאנג...
א שוואלב...	א מענש...	א טויב...
א וואָרים...	א פיש...	אנ׳ענטעל...

די ענטפערען: קריכט, פליהט, שווימט, שפּרינגט, לויפט, געהט.

מוסטער: א פערד געהט, לויפט און שפּרינגט.

---

16 § די שטימען פון די חיות?

א קוה מעקעט...	א סאָלאָוויי	א זשאבע...
א פערד...	א סאראָקע...	א פליג...
א הונד...	א טויב...	א שוואלב...
א קאץ...	א הוהן...	א קאנאריק...

די ענטפערען: פיפטשעט, הושעט, קאנויקעט, זינגט, קראקעט, מעקע, בילט, הירושעט, וואָרקעט, קוואָקטשעט, קוואקעט.

אלץ שלאָפט.

שטיל די וואָלקען אין דער לופטען; פון דעם טייכעלע קיין מורמעל,
פון א ווינדעלע קיין ווייהען, פון א בוימעלע קיין שאקעל,
פון א בערגעלע קיין ווינקען, פון א בלעטעלע קיין שעפטשע,
פון דעם הימעל קיין געשטער; פון א צווייגעלע קיין וויעג;
פון די לעמעלעך קיין מעקען,
פון די פויגעלעך קיין פיפטשען,
פון די פליגעלעך קיין זשומזשען,
פון א ווערימעל קיין רידהר.

מ. ראָזענפעלד.

ענטפערט נאָכ'ן געדיכט.

וואַס טהוט דאָס ווינדעלע? דאָס טייכעלע? דאָס בוימעלע? די בלעטער? דאָס צווייגעלע? די לעהמעלעך? די פויגעלעך? די פליגעלעך?

17. § דאָס איז אזוי, אָבער יענס איז אנדערש.

דערשרייבט.

קויהל איז שווארץ, אָבער קרייד...
וויינטרויבען זענען זיס, אָבער ציטרין...
צוקער איז זיס, אָבער פעפער...
דער הונד איז קלוג, אָבער דער עזעל...
דער לייב איז שטארק, אָבער די מויז...
דער העלפאנד איז גרויס, אבער די מויז...
דער עפעל איז קיילעכדיג, אָבער די אוגערקע...
זומער איז הייס, אָבער ווינטער...

§ 18 דער יאָהר און זיינע טיילען.

א) יאנוואר, פעווראל, מארט, אפריל, מאי, יוני, יולי, אווגוסט, סענטיאבר, אָקטיאבר, נאָיאבר, דעקאבר.

אין וועלכע מאָנאטען איז פריהלינג? אין וועלכע מאָנאטען איז זומער? אין וועלכע מאָנאטען איז הערבסט? אין וועלכע מאָנאטען איז ווינטער?

ב) ניסן, אייר, סיון, תמוז, אָב, אלול, תשרי, חשון, כסליו, טבת, שבט, אדר.

אין וועלכען חדש איז פסח? אין וועלכען חדש איז ל"ג בעומר? אין וועלכען חדש איז שבועות? אין וועלכען חדש זענען די גרעסטע היצען? אין וועלכען חדש איז תשעה באָב? אין וועלכען חדש בלאָזט מען שופר? אין וועלכען חדש איז ראש השנה? אין וועלכען חדש איז חנכה? אין וועלכען חדש איז פורים? אין וועלכען חדש זענען די גרעסטע פרעסט?

ג) שבת, מיטוואָך, זונטאָג, דינסטאָג, מאָנטאָג, דאָנערשטאָג, פרייטאָג.

שרייבט אויף די טעג פון וואָך כסדר פון זונטאָג ביז שבת.

פיעל חדשים האָט דער יאָהר? ווי הייסען זיין? (צוערשט די יודישע און נאכהער די קריסטליכע נעמען). פיעל וואָכען האָט א חדש? פיעל טעג האָט א וואָך? ווי הייסען די טעג פון וואָך?

II. איינצאָהל און מעהרצאָהל.

§ 19. וועלכע זאכען זעהען מיר אין קלאס?

א טיש, א באנק, א פענסטער, א טהיר, א שטוהל, א בילד, א שאף, אנ׳אויווען, א טאָפעל, א טינטער, א בוך, א קארטע.

שרייבט אויף די ווערטער אזוי, אז עס זאָל זיך ריידען ניט וועגען איינציגע זאכען, נאָר וועגען פיעלע.

מוסטער: אין קלאס זעהען מיר טישען, ביינק א. א. וו.

---

§ 20. וועלכע זאכען בענוצען מיר ביים לערנען?

העפטען, בלייפעדערס, האלטערס, פעדערס, טינטערס, ביכער, טאָפלען, לינייקעס, גריפלען, מעקערס.

שרייבט אויף די אויסגערעכענטע זאכען אזוי, אז עס זאָל זיך ריידען ניט וועגען פיעלע, נאָר וועגען איינציגע.

מוסטער: ביים לערנען בענוצען מיר א העפט, א בלייפעדער א. א. וו.

---

§ 21. וועלכע מעבעל געפינט זיך אין א צימער?

א פאָטעל, א זאָפע, א טיש, א שטוהל, א באנק, א טאבורעט, א בעט, א שאף, א קאָמאָד, א שפיגעל, אנ׳עטאזשערקע, א בופעט.

שרייבט איבער די אויסגערעכענטע זאכען אזוי, אז עס זאָל זיך ריידען ניט וועגען איינציגע, נאָר וועגען פיעלע.

מוסטער: אין א צימער געפינען זיך פאָטעלען, זאָפעס...

---

22 § װעלכע זאַכען געפינען זיך אין א קיך?

פאָליצעס, סאַמאָװאַרען, טישען, ביינקלעך, טשייניקעס, סקאָװאָראָדעס, שאַפען, פאַנען, קאָטשערעס, קעסלען, טעפּ, טעלערס, שיסלען, פעסער, צעבערעס, עמערס, קאָכלעפלען.

שרייבט אױס די נעמען פון די קיך-געפעס און נאָכהער די נעמען פון די קיך-מעבעל, נאָר אַזױ, אַז עס זאָל זיך ריידען װעגען איינציגע זאַכען.

מוסטער: קיך-געפעס: א סאַמאָװאַר, א טשייניק א. א. װ.
קיך-מעבעל: א פאָליצע, א טיש א. א. װ.

---

23 § װער טהוט דאָס?

א) דערשרייבט.

... בילט	... פּיפּטשעט	... שפרינגט
... הירזשעט	... קװאַקעט	... קריכט
... זינגט	... קװאָקטשעט	... שװימט
... װאָרקעט	... געהט	... פליהט
... קראַקעט	... לױפט	... דונערט

מוסטער: א הונד בילט, א פערד הירזשעט.

ב) בייט אום די אַלע אױפגעשריבענע זאַצען אַזױ, אַז עס זאָל זיך ריידען אין זיי װעגען פּיעלע זאַכען.

מוסטער: הינד בילען, פערד הירזשען.

---

24 § װאָס טהוען זיי?

א) דערשרייבט.

א פּױער...	א פאַרבער...	א פּאַסטוך...
אַן׳אַרבייטער...	א סוחר...	א זעגער...

א קויפער... א האָלצהעקער... א פישער...
א יעגער... א דאָקטאָר... א לעהרער...

מוסטער: א פויער אקערט. א סוחר האנדעלט.

ב) בייט אום אין די אלע אויפגעשריבענע זאצען דעם איינצאָהל אויף'ן מעהרצאָהל.

מוסטער: פויערים אקערען. סוחרים האנדלען.

---

25 § א גינציגע טאָכטער.

רייזעל האָט געהאט א קראנקע, שוואכע מוטער. צייט זי האָט אָנגעהויבען צו פערדיענען, לאָזט זי שוין די מוטער ניט געהן אין גאס מיט'ן קויש עפעל. זי ברענגט אהיים איהר גאנצען פערדיענסט און לעבט צוזאמען מיט איהר מוטער. זי פערגינט זיך אפילו ניט צו קויפען א הוט פאר זיך, און זי געהט אָנגעטהון פיעל ערגער פון איהרע חבר'טעס. זי שטעהט אויף גאנץ פריה, און איידער זי געהט אוועק צו דער ארבייט, ראמט זי אויף די שטוב און מאכט פריהשטיק, כדי די אלטע מוטער זאָל נאָך קענען רוהיג שלאָפען, אין אָווענד, א מידע, א פערהאָרעוועטע, מאכט זי די וועטשערע. איהר גאנצע פרייע צייט פערברענגט זי אויך מיט דער קראנקער מוטער.

שרייבט אויף די זעלבע געשיכטע וועגען צווי טעכטער, רייזלען און ליעבען, און רופט זי אָן: „די גינציגע טעכטער".

III. שריפטליכע געדאנקען-אויסלעגונג נאָך פראגען.

26 § דער אויווען.

וועלכע אויווענס גיט עס? צו וואָס דיענט א באק-אויווען און צו וואָס א הייץ-אויווען? ווען הייצט מען די אויווענס? ווער מאכט אויווענס? פון וואָס ווערען געמאכט די אויווענס? מיט וואָס הייצט מען די אויווענס? דורך וואָס געהט ארויס דער רויך פון אויווען?

מיט וואָס פֿערמאַכט מען דעם קוימען? וואָס קלײַבט זיך צונויף אין קוימען? ווער רייניגט די קוימענס?

קוימענקעהרער. באַק־אויווען. הייץ־אויווען. מולערס. טעפּערס. סאַזשע. יושקע. ציגעל. קאַפּלעס. לייהם.

§ 27 דער סאַמאָוואַר.

צו וואָס נוצט אַ סאַמאָוואַר? פֿון וואָס און וואו מאַכט מען סאַמאָווארען? מיט וואָס איז דער סאַמאָוואַר אויסגעווייסט אינווייניג? וואָס האָט ער פֿון ביידע זייטען און וואָס אויבען? וואָס געפֿינט זיך אינווייניג אין מיטען סאַמאָוואַר? וואָס גיסט מען אין איהם אַריין און וואָס לעגט מען אַריין אין זיין קוימען? דורך וואָס צאַפּט מען דאָס וואַסער פֿונ׳ם סאַמאָוואַר?

מעש. פֿאַבריק. צין. קוימען. אויערען. קוידהלען. קראַן.

§ 28. דער טיש.

פֿון וואָס און ווער מאַכט טישען? וואָס האָט דער טיש אונטען? וואָס געפֿינט זיך אויף די פֿיס פֿון טיש? וואָס מאַכט מען אונטער׳ן אויבערשטען ברעט פֿון טיש? וואָס טהוט מען ביים טיש? ווי הייסען פֿערשידענע טישען? מיט וואָס בעדעקט מען דעם טיש ביים עסען? וואָס שטעלט מען אַרויף אויפ׳ן טיש ביים עסען?

עס־טיש. קיך־טיש. שרייב־טיש. שופלאָד. טיש־קעסטעל. טיש־טוך.

§ 29. דער אלמער.

פון וואָס און ווער מאכט אלמערם? צו וואָס דיענט אנ׳אלמער? ווי הייסט אנ׳אלמער אויף צו האלטען ביכער? ווי הייסט אנ׳אלמער אויף צו האלטען קליידער? וואָס מאכט מען אין א ביכער־אלמער און וואָס אין א קליידער־אלמער? מיט וואָס פערשליסט מען אנ׳אלמער?

---

§ 30. אונזער קלאס.

וואו געפינט זיך אונזער קלאס? וויפיעל טהירען און וויפיעל פענסטער זענען דאָ אין אונזער קלאס? וועלכע מעבעל שטעהט אין קלאס? ווער זיצט אין קלאס אויף די ביינק און ווער — אויפ׳ן שטוהל ביים טיש? וואָס הענגט אויף די וועגד? וואָס טהוט דער לעהרער אין קלאס מיט די בילדער? וואָס טהוען אין קלאס די שילער? וואָס טהוט מען אויפ׳ן טאפעל?

---

§ 31. ווי זענט איהר דאָס ערשטע מאָל געפאָהרען מיט׳ן באהן?

ווי זענט איהר געקומען פון דער היים צום וואָקזאל? ווער האָט געקויפט פאר אייך א בילעט? פיעל האָט געקאָסט דער דער בילעט? אין וועלכען קלאס זענט איהר געפאָהרען? וואָס פאר אנ׳אָרט האָט איהר זיך געפונען? האָט איהר לאנג געווארט ביז דער צוג איז אָבגעגאנגען? פיעל מאָל האָט מען געקלונגען, ביז דער צוג איז אָבגעגאנגען? האָט איהר געקוקט פון פענסטער פון וואגאָן זייענדיג אין וועג? וואָס האָט איהר געזעהען?

צו פוס. אויף א פוהר. אויף א דראָזשקע. מיט דער קאָנקע.

---

§ 32. פרייטאָג-צו-נאכט.

ווען הערען אלע אויף צו ארבייטען פרייטאָג? וואָס טהוען דאן די קרעמער און וואָס די בעלי-מלאכה? וואָס טהוען דאן די פרויען אין שטוב? וועלכע קליידער טהוען אלע אָן נאָך ליכט-בענשען? וואָס טהוען די מענער, ווען זיי קומען פון שוהל? וואָס טהוען אלע נאָך קדוש? מיט וואָס איז דער טיש בעדעקט? וואָס ליעגט אויפ'ן טיש? וואָס טהוט מען נאכ'ן עסען?

שבת'דיגע. שוהל. מאכען קדוש. טישטוך. חלה.

---

§ 33. פסח.

אין וועלכען חדש איז פסח? פיעל טעג געדויערט פסח? וואָס עסט מען דאן? ווען הויבט מען אָן צו באקען מצות? וואָס בּרייט מען פאר פסח? וואָס טהוט מען מיט'ן שטוב און מיט די אייזערנע, קופּערנע, מעשענע און זילבערנע כּלים ערב פסח? וועלכע כּלים טראָגט מען ארויס פון שטוב און וועלכע טראָגט מען דאן אריין? וואָס פערברענט מען דאן? וואָס מאכט מען די ערשטע צוויי אָווענדען פון פסח? וואָס טרינקט מען צום סדר? אויף וואָס זיצט מען ביים סדר און וואָס זאָגט מען? וואָס פרעגען די קינדער? אין וואָס שפּיעלען קינדער פסח-צייט?

פיער קשיות. הגדה. עסע-בעט. פיער כוסות, סדר. חמץ. ניסן. חמצ'דיגע. פסח'דיגע. מען כּשר'ט. מצות.

---

§ 34. סכות.

אין וועלכען חדש איז סכות? פיעל טעג געדויערט דער יום-טוב? וואָס בּויט מען פאר סכות? פון וואָס מאכט מען די ווענד און פון וואָס דעם דאך פון דער סכה? וואָס טהוט מען אין דער סכה?

וואָס בענשט מען אלע אין דער פריה א גאַנץ סכּות? ווי הייסט דער לעצטער טאָג פון דעם יום־טוב? ווי פערברענגט מען שמחת־תורה? וועלכע וועטערען שטעהען געוועהנליך סכּות־צייט? וועלכער טייל פון יאָהר הויבט זיך דאַן אָן? וואו הויבען אָן די קינדער צו געהן נאָך סכּות? וואָס מאכען זיי פון די לולבים?

שִׂמְחַת־תּוֹרָה. אֶתְרוֹג. סְכַךְ. סֻכָּה. תִּשְׁרֵי. הֲדַר.

חנכּה. § 35.

ווען איז חנכּה? וויפיעל טעג דויערט דער יום־טוב? וואָס בענשט מען דאַן אלע אָוועגד? וואָס פאַר א געריכט עסט מען דאַן? אין וואָס שפּיעלען די ערוואקסענע אין די חנכּה־אָווענדען? אין וואָס שפּיעלען די קינדער חנכּה־צייט? וואָס שענקט מען דאַן די קליינע קינדער? וועלכער איז דער פרעהליכסטער אָווענד פון חנכּה?

חנכּה־געלד. דרעהדלעך. חנכּה־ליכט. כּסליו.

פּורים. § 36.

ווען איז פּורים? וואָס איז ערב פּורים? וואָס לייענט מען פּורים אין שוהל און אין די הייזער? וואָס גרייטען אָן די יונגלעך צו דער מגלה? וואָס באקט מען אויף פּורים! וואָס שיקט מען דאַן איינע די אנדערע? וואָס מאכט מען פּורים פאַרנאכט? ווער געהט אום דאַן אין די הייזער פאַרשטעלען דעם פּורים־שפּיעל?

פּורים־שפּיעלער. סעודה. גראַגערס. המן־קלאַפּערס. שלח־מנות. חודש אָדר. תּענית־אסתּר. מגלה. מאָהן־טאַשען.

הערבסט. § 37.

וועלכע מאָנאַטען געהערען צום הערבסט? ווי ווערען די טעג און די נעכט אין הערבסט? מיט וואָס איז דער הימעל שטענדיג

בעדעקט? וואָס געהט אָפּט פון די וואָלקענס? וואָס ווערט אומעטום פון שטענדיגען רעגען? ווי ווערען די בלעטער אויף די בוימער און וואו קומען זיי אהין? וואָס בלאָזט שטענדיג? ווי ווערט די לופט? אין וואָס טהוען זיך אלע אָן? וואָס גרייט מען אָן אויף ווינטער? וואָס הויבט מען אָן צו טהון מיט די אויווענס? ווי פיהלט זיך דער מענש אין הערבסט? וועלכער יום-טוב איז אין אָנפאנג הערבסט?

אין הערבסט.

ס'קומט א ווינד א קאלטער,
פייפט א ליעדעל צו,
און די ארמע בלעטער
האָבען ניט קיין רוה:

הויבען זיך און טאנצען
טויטערהייד, אָהן מאכט,
און דער ווינד דער בייזער
פייפט און שפּיעלט און לאכט.

(א. רייזען)

דערשרייבט און ענטפערט אויף די פראגען נאָכ'ן געדיכט:

דער ווינד (וועלכער?). די בלעטער (וועלכע?). וואָס טהוט דער ווינד? וואָס טהוען די בלעטער? ווי טאנצען די בלעטער?

---

§ 38. ווינטער.

וואָס קומט אָן נאָכ'ן הערבסט? וועלכע מאָנאטען זענען ווינטערדיגע? ווי ווערען די טעג און ווי די נעכט? מיט וואָס בעדעקט זיך די ערד און מיט וואָס די טייכען און די אָזערעס? ווי ווערט די לופט? וואָס בלאָזט אָפּט און וואָס פאלט פון די וואָלקענס? אין וועלכען מאָנאט זענען די שטארקסטע פרעסט? אין וואָס געהען די מענשען אָנגעטהון? וואָס הייצט מען אין די הייזער? אויף וואָס גליטשען זיך די קינדער? וועלכער יום-טוב איז אין אָנפאנג-ווינטער?

ווינטער.

בעדעקט האָט דער ווייסער, דער זילבערנער שניי
די וועלדער, די בערג און די טהאָלען;
עס גלענצען די בוימער, עס הענגען אויף זיי
די צווייגען, ווי העלע קריסטאָלען.
די יונגינקע ווערבע ביים ברעג פונ׳ם טייך,
די צעדער, די שטארקע און אלטע,
אין ווייסע תכריכים האָט אָנגעטהון גלייך
זיי אלע דער ווינטער, דער קאלטע.

ש. פרוג.

דערשרייבט און ענטפערט אויף די פראגען נאָכ׳ן געדיכט:

דער שניי (וועלכער?). די קריסטאָלען (וועלכע?) די ווערבע (וועלכע?). די צעדער (וועלכע?) די תכריכים (וועלכע?). דער ווינטער (וועלכער?). וואָס האָט בעדעקט דער שניי? ווי זעהען אויס די בוימער? אין וואָס האָט אלעמען אָנגעטהון דער קאלטער ווינטער?

---

§ 39. פריהלינג.

וואָס קומט אָן נאָכ׳ן ווינטער? וועלכע מאָנאטען געהערען צום פריהלינג? ווי ווערען די טעג און ווי די נעכט אין פריהלינג? ווי שיינט דאן די זון, און ווי ווארעמט זי? וואָס ווערט מיט׳ן שניי? וואוהין לויפט דאָס וואסער פונ׳ם צוגאנגענעם שניי? ווי ווערען די טייכען פון די פיעל וואסערען? ווי ווערט דער אייז אויף די טייכען, און וואו קומט ער אהין? וואָס בעווייזט זיך אויף די לאָנקעס און פעלדער און וואָס אויף די בוימער? ווער קומט צו אונז צו פליהען פון די ווארימע לענדער? וואָס טהוען די פויגעלעך גלייך נאָך זייער קומען? ווי איז די לופט אין פריהלינג? ווי פיהלט זיך

דאן דער מענש? וואָס טהוען דאן די פויערים אויף די פעלדער? וועלכער יום־טוב איז אין פריהלינג?

פריהלינג.

עס ציהען זיך, ציהען
פון הימעל און פאלען,
ווי גאָלדענע פאָדעס,
די ווארימע שטראהלען!

דאָס ביהנעלע זשומעט
און זויגט אָהן א מאָס
די זאפט פון די רויזען,
דעם טוי פון דעם גראָז.

עס בליהען די בוימער,
עס שפּראָצען די בלומען,
צו אונז איז דער פריהלינג,
דער פריהלינג געקומען!

די פישעלעך שווימען
ארויף אויף די וועלען,
זיי טאנצען אין וואסער,
זיי שפרינגען, זיי קוועלען...

די פויגעלעך זינגען
אין וואלד און אין טהאָל;
עס הערען זיך לידער
ארום אָהן א צאָהל!

דאָס טייבעלע וואָרקעט,
דאָס טייבעלע רופט:
„שטעהט אויף, קינדער, ליכטיג
און פריש איז די לופט!"

(ש. פרוג).

ענטפערט אויף די פראגען נאָכ'ן געדיכט.

וועלכע שטראהלען ציהען זיך און פאלען פון הימעל? צו וואָס זענען עהנליך די ווארימע שטראהלען? וואָס טהוען די פויגעלעך? וואָס טהוט דאָס ביהנעלע? וואָס טהוען די פישעלעך? וואָס טהוט דאָס טייבעלע?

---

§ 40. זומער.

וואָס קומט אָן נאָכ'ן פריהלינג? וועלכע מאָנאטען געהערען צו איהם? ווי זענען דאן די טעג און ווי די נעכט? וואו שטעהט די זון אין הימעל, און ווי ווארעמט זי? ווי איז די לופט? ווי איז דער הימעל זומער? וואָס קלייבט זיך אָפט צונויף אויפ'ן הימעל?

ווי ווערט די לופט, ווען דער הימעל ווערט פערוואָלקענט? וואָס בעווייזט זיך אין די וואָלקענס? וואָס דערהערט זיך דאַן? וואָס הויבט זיך אָן צו גיסען פון די וואָלקענס? וואָס בעווייזט זיך אָפט אויפ'ן הימעל נאָכ'ן רעגען? ווי ווערט די לופט נאָכ'ן רעגען? וואוהין פאָהרען ארוים זומער די שטאָדטישע איינוואוינער? וואָס טהוען די פויערים זומער אויף די לאָנקעס און וואָס אויף די פעלדער?

אויף די גערטנער אויף די פעלדער.

אויף די גערטנער, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען,
ווי די פרייע, בלויע וועלען,
רוישען, גיסען זיך און קלינגען.

און די שנידטער געהען, איילען,
סערפעס, קאָסעס, גלענצען, קלינגען.
אויף די טהאָלען, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען.

(ש. פרוג).

ענטפערט נאָכ'ן געדיכט:

וועלכע שטימען זינגען אויף די גערטנער? ווי וועלכע וועלען רוישען זיי און קלינגען? וואָס טהוען די סערפעס און די קאָסעס?

קום אין וואלד!

קום אין וואלד, מיין ליעבער פריינד!
וואו עס סוד'ען זיך די בלעטער,
וואו עס אטעמט פריי די ברוסט,
וואו ערקוויקענד איז דאָס וועטער!

קום, מיין פריינד! פון שטאָדט ענטלויף,
פון גערודער און געטומעל;
דאָרט—אין וואלד—איז גרין די ערד,
גרין די ערד און בלוי דער הימעל.

(א. רייזען).

ענטפערט נאָכ'ן געדיכט:

וואָס טהוען די בלעטער אין וואלד? ווי אטעמט די ברוסט אין וואלד? ווי איז דאָס וועטער אין וואלד? וואָס איז אין שטאָדט? ווי זענען די ערד און דער הימעל אין וואלד זומער?

זומער-נאכט.

ליכטיג שיינט דער אָווענד-שטערען, און די גרויסע, אלטע בוימער
שאָטענס ליעגען אויף די פעלדער; שאָקלען מיט די גרינע בלעטער,
פייכטע קיהלקייט וועהט און גיסט זיך און מיר דאכט זיך, אז זיי רוישען:
פון די גערטנער, פון די וועלדער; „זעה, ווי פריש איז דאָ דאָס וועטער!"

טראָפּענס טוי, ווי פּערל, גלענצען
אין די לעצטע אָווענד-שטראהלען;
אין די פייכטע, גרינע טהאָלען
שלאָגען פרישע, קאלטע קוואלען.

(ש. פרוג)

ענטפערט נאָכ'ן געדיכט:

ווי שיינט דער אָווענד-שטערען? וואָס ליעגט אויף די פעלדער? וועלכע קיהלקייט וועהט פון די וועלדער? וועלכע בוימער שאָקלען מיט די גרינע בלעטער? וואָס זאָגען די בוימער? צו וואָס זענען ענהליך די טראָפּענס טוי? אין וועלכע טהאָלען שלאָגען פרישע, קאלטע קוואלען?

IV. די פערבייטונג פון דער צייט.

§ 41. ווי חיה מאכט טיי.

די קעכין חיה נעהמט דעם סאמאָוואר און גיסט איהם אָן פול מיט וואסער. אין קוימען לעגט זי אריין קויהלען און שטעלט אוועק דעם סאמאָוואר אין קיך נעבען דער פּליטע. אז דער סאמאָוואר קאָכט אויף, שטעלט זי איהם אוועק אין עס-צימער אויפ'ן טיש. זי פערבריהט טיי אין טשייניק און דערלאנגט אויפ'ן טיש ריינע גלעזער מיט טאשען און צוקער.

א) שרייבט אויף די געשיכטע און רופט זי אָן: „ווי חיה האט געמאכט טיי".

ב) שרייבט אויף די געשיכטע און רופט זי אָן: „ווי חיה וועט מאכען טיי".

§ 42. יוסף שרייבט א בריעף אהיים.

יוסף ארבייט שוין א האלב יאָהר אין א גרויסער שטאָדט ביי א שניידער. ער איז אויף א משך. ער בענקט זעהר אהיים נאָך די על־טערען, שוועסטער, ברידער, חברים און נאָך די שטעדטעל, פון וועלכע ער איז געקומען אהער אין די גרויסע שטאָדט. אלע צוויי וואָכען שרייבט ער א בריעף אהיים און, שרייבענדיג דעם בריעף, טראָגט ער זיך איבער מיט זיינע געדאנקען אהין, צו זיינע ליעבע און געטרייע. ער שרייבט זיין בריעף נאָך דער ארבייט פארנאכט, ווען ער בלייבט איבער אליין אין שטוב: ער וויל ניט, מען זאָל איהם זעהן שרייבענדיג. אין זיין בריעף גיסט ער יעדער מאָל אוים זיין ביטער הארץ און בעשרייבט אלץ, וואָס ער שטעהט אוים פון׳ם בעל־הבית און פון די געזעלען.

שרייבט אויף די געשיכטע און גיט איהר א נאָמען: „ווי יוסף פלעגט שרייבען א בריעף אהיים״.

---

§ 43. דער באָבע בתיה׳ס מתנה.

די באָבע בתיה איז שוין אלט־אלט — אָהן ברילען זעהט זי שוין שלעכט, נאָר זי איז א ציכטיגע, זויבערע יודינע. איהר שייטעל איז אלע מאָל פיין פערקאמט, די הויב אויפ׳ן קאָפּ איז א ריינע, די קלייד און דער פארטוך אויך. פיעל ארבייטען אין בעל־הבת׳ישקייט קען זי שוין ניט; זי שפּיעלט זיך נאָר שטענדיג מיט איהרע אייניקלעך און שטריקט א זאָק. מעהר פון אלעמען ליעבט זי איהר אייניקעל משה׳לען. ער דארף שוין ווינטער אָנהויבען געהן אין חדר. איצט, סוף זומער, זיצט זיך די באָבע אויף א שטוהל אויפ׳ן הויף און מאכט פאר איהר ליעבלינג א מתנה — זי שטריקט איהם וואָלענע זאָקען אויף ווינטער, ווען ער וועט שוין זיין א חדר־יונגעל. לאנגזאם בעוועגען זיך די שפּיזלען אין די אלטע פינגער. דער קנויל וואָל ליעגט אויף דער ערד. די יונגע קעצעל שפּיעלט זיך מיט איהם — זי טהוט איהם א שטופּ מיט דער לאפּקע און לויפט איהם נאָך חאפּען. משה׳לע זיצט דאַ דערביי, קוקט זיך צו צום שפּיעל פון דער קעצעל און בעט די באָבען, זי זאָל איהם דערצעהלען די „מעשה פון דעם רב מיט דער רבי׳צין״. נאָר די באָבע וויל איהם

ניט דערצעהלען קיין מעשיות, ווייל ער איז שוין א „חדר־יונג״.

שרייבט אויף די געשיכטע און גיט איהר א נאָמען: „ווי די באָבע בתיה האָט געשטריקט זאָקען פאר איהר איינינקעל משה׳לען״.

---

44 § דער אָווענד אין דער פאמיליע.

אין דרויסען איז געווען א פראָסט. די שויבען זענען געווען בעדעקט מיט גרויסע שניי־בלומען. אין שטוב איז אָבער געווען ווארים. דער הענג־לאָמפּ אין עס־צימער האָט בעגאָסען אלץ מיט זיין העלען ליכט, און עס איז דאָרט געווען ליעב און פרעהליך. דער סאמאָוואר איז געשטאנען אויפ׳ן טיש. ער האָט געזידט און פון איהם האָט געשלאָגען א מילך־ווייסע געדיכטע פארע. די מוטער איז געזעסען נעבען סאמאָוואר און האָט אָנגעגאָסען טיי אין די גלעזער. די וועטשערע איז שוין געשטאנען אויפ׳ן טיש, און ארום איהם האָבען זיך צונויפגעקליבען אלע קינדער. די עלטערע זענען געזעסען מיט ביכער און האָבען אין זיי אריינגעקוקט; די יונגערע האָבען גערעדט צווישען זיך און געשטיפט. די קליינע דבורה׳לע איז גע־זעסען אויפ׳ן זאָפע און האָט זיך געשפּיעלט מיט איהרע פּאָפּקעס, און נעבען איהר איז געלעגען איהר קליינער ברודערל און האָט געשמאק גע־שלאָפען. ער האָט זיך גענוג אָנגעשפּיעלט, און איצט איז ער א מידער איינגעשלאָפען צווישען זיינע צעוואָרפענע צאצקעס, און א שמייכעלע האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּען. די שטוב־מיידעל האָט געבעט פאר איהם זיין בעטעלע.

דורך די אָפענע טהיר פון קאבינעט האָט זיך געהערט דעם פאָטערס שטימע. ער האָט דאָרט גערעדט מיט עמיצען. מען האָט געווארט אויף איהם, ער זאָל קומען צו דער וועטשערע.

שרייבט אויף די געשיכטע און פערביט אין איהר די פערגאנגענהייט אויפ׳ן געגענווארט.

V. די דירעקטע און אונדירעקטע רעדע.

§ 45. די רפואות.

דירעקטע פאָרמע.

א פרוי איז קראנק געוואָרען. דער דאָקטאָר האָט איהר פערשריבען ביטערע רפואות. די קראנקע האָט ניט געקענט נעהמען די ביטערע רפואות. איהר טאָכטער, א קליין מיידעלע, האָט דאָס דערזעהן און זי האָט געזאָגט צו דער מוטער: „גיב מיר די רפואות, איך וועל דאָס נעהמען פאר דיר.

אונדירעקטע פאָרמע.

א פרוי איז קראנק געוואָרען. דער דאָקטאָר האָט איהר פערשריבען ביטערע רפואות, די קראנקע האָט ניט געקענט נעהמען די ביטערע רפואות. איהר טאָכטער, א קליין מיידעלע, האָט דאָס דערזעהן, און זי האָט געזאָגט צו דער מוטער, זי זאָל איהר געבען די רפואות— זי וועט דאָס נעהמען פאר איהר.

---

§ 46. דער אלטער און דער מַלְאַךְ־הַמָּוֶת.

אנ׳אלטער מאן האָט אמאָל אָנגעהאקט האָלץ אין וואלד און האָט עס געטראָגען צו זיך אהיים. ער האָט געדארפט זיין משא ווייט טראָגען. א מידער, א פערסאָפּעטער האָט ער אראָבגעוואָרפען דאָס בינדעל האָלץ און האָט אויסגעשריען: „אָך, זאָל שוין דער מלאך־המות קומען נאָך מיין זינדיגע נשמה!״ גלייך איז געקומען דער מלאָך־המות און געזאָגט: „איך בין גרייט צו טהון דיין פערלאנג״. דער אלטער האָט זיך דערשראָקען און געבעטען ביי איהם מיט א ציטערענדער שטימע: „העלף מיר אויפהויבען אויפ׳ן פלייצע דאָס בינדעל האָלץ״.

שרייבט אויף די געשיכטע און פערבייט אומעטום די דירעקטע רעדע אין אנ׳אונדירעקטע.

---

§ 47. דער לייב און די מויז.

א לייב האָט געשלאָפען. א מויז האָט זיך דערביי געשפּיעלט און איז ארויפגעשפּרונגען אויפ׳ן שלאָפענדען קיסר פון די חיות. דער לייב האָט

ערוואכט פון שלאָף, האָט אָנגעהאפּט די מויז און געוועלט איהר בע־שטראָפען. די מויז האָט געגומען בעטען דעם לייב: „לאָז מיך אָב“, און האָט צוגעגעבען: „אויב מיט דיר וועט זיך אמאָל טרעפען א צרה, וועל איך דיר אָבדיענען פאר דיין גוטסקייט“. דער לייב האָט זיך צולאכט, נאָר ער האָט דאָך אָבגעלאָזען דאָס מייזעל.

אין א קורצע צייט ארום איז דער לייב ארייגעפאלען אין נעץ. ער האָט שרעקליך געברומט און געריסען זיך פון נעץ. די מויז האָט דערהערט זיין ברומען; זי איז געקומען, האָט מיט איהרע שארפע ציינער צוהאקט די שטארקע שטריק פון נעץ און דעם לייב בעפרייט. דאן האָט זי געזאָגט צום לייב: „מען טאָר ניט שפּאָטען פון א שוואכען, ווייל דער שוואכסטער אפילו קען אמאָל א טובה טהון דעם שטארקסטען“.

שרייבט אויף די געשיכטע און בייט אום די דירעקטע פאָרמע אין אנ׳אונדירעקטע.

---

§ 48 ווי מען בעט זיך אוים, אזוי קומט אוים צו שלאָפען.

אין קלאַס האָט זיך ביי משה׳לען צובראָכען די פעדער. ער האָט געבעטען ביי זיין חבר נח׳ן, וועלכער האָט געהאט פיעל פעדערס: „גיב מיר א פעדער“. — „געה אין קראָם און קויף“, האָט איהם געענטפערט נח. אויף מאָרגען האָט נח פערגעסען זיין בלייפעדער אין דער היים. ווען ער האָט געדארפט א בלייפעדער, האָט ער א בעט גע־טהון ביי משה׳לען: „לייה מיר דיין בלייפעדער אויף א רגע“. משה׳לע האָט איהם אָבער געענטפערט: „ביי מיר איז קיין קראָם ניט“.

שרייבט אויף די געשיכטע און שרייבט אומעטום די אונדירעקטע פאָרמע, אנשטאָט די דירעקטע.

---

§ 49 דער בעטלער און דער הונד.

אנ׳אלטער בעטלער איז אריין אין א הויף. דער הונד אויפ׳ן קייט האָט אָנגעהויבען בילען אויפ׳ן אלטען. דער אלטער האָט געזאָגט צום

הונד: „האָב רחמנות אויף מיר; איך האָב שוין דריי טעג ניט געגעסען; איך שטארב פון הונגער”. דער הונד האָט געענטפערט: „איך ביל טאקי, כדי מען זאָל מיר דערהערען און דיר עסען געבען”.

פערבייט אין די געשיכטע די דירעקטע פאָרמע אין אנ'אונדירעקטע.

§ 50. די קריעג פון די הויז=חיות.

די קוה, דער פערד און דער הונד האָבען אמאָל זיך געהאמפערט וועגען דעם, וועמען פון זיי אלעמען ליעבט דער בעל=הבית מעהרער.

דער פערד האָט געזאָגט, אז געווים איהם, ווייל ער שלעפט פאר איהם די בראָנע און די סאָכע, פיהרט איהם האָלץ פון וואלד, און ער אליין פאָהרט אויף איהם אין שטאָדט. מיט איין וואָרט, אָהן דעם פערד וואָלט דער בעל=הבית גאָר ניט געקענט זיך בעגעהן.

די קוה האָט געזאָגט, אז דער בעל=הבית ליעבט איהר מעהר, ווייל זי שפייזט זיין גאנצע הויזגעזינד מיט מילך.

דער הונד האָט מיט כעס געזאָגט, אז דער בעל=הבית ליעבט איהם מעהר פון אלעמען, ווייל ער היט זיין גוטס.

די מחלוקת האָט דערהערט דער בעל=הבית און האָט געזאָגט, אז זיי זאָלען אויפהערען זיך האמפערען אומזיסט, ווייל ער דארף זיי אלעמען, און יעדערער פון זיי איז גוט אויף זיין אָרט.

פערבייט אין דער געשיכטע די אונדירעקטע פאָרמע אין א דירעקטע.

VI. די אויסלעגונג פון פרעמדע געדאנקען נאָך א פלאן.

§ 51. דער קאנאריק.

עס טרילערט דער קאנאריק ווער קען זיין שמחה פיהלען?
אין פרייען וואלד אליין. ווער קען זיין פרייד פערשטעהן?

עס טרילערט דער קאנאריק
אין רייכען פאלאץ שוין.

ווער קען זיין וועהטאָג פיהלען?
ווער קען זיין שמערץ פערשטעהן?
(מ. ראָזענפעלד).

פלאן:

I. דאָס פרייע לעבען פונ׳ם קאנאריק.

II. דער קאנאריק אין שטייג אין רייכען פאלאץ.

---

§ 52. דאָס העמד.

א קיסר איז געפעהרליך קראנק געווען. די דאָקטוירים האָבען קיין מיטעל ניט געפונען דעם קיסר אויסצוהיילען. צו דער פערטרויערטער פאמיליע אין פאלאץ איז געקומען אנ׳אלטער געלעהרטער און האָט געזאָגט: „טהוט אָן דעם קיסר א העמד פון א מענשען, וואָס איז צופרידען מיט זיין מזל, און דער קיסר וועט גלייך געזונד ווערען“.

עס איז ארויסגעגעבען געוואָרען א בעפעהל, מען זאָל אין דער גאנצער מלוכה זוכען צופרידענע מענשען און ברענגען זיי אין קיסר׳ס הויף. לאנג האָט מען געזוכט אין גאנצען לאנד, אָבער מען האָט ניט געפונען קיין איין מענשען, וואָס זאָל זיך אויף קיין זאך ניט בעקלאָגען. יעדער איז מיט עפּעס געווען אונצופרידען: ווער עס האָט געוועלט געלד, ווער — כבוד, און ווער — גוטע קינדער. מען האָט שוין פערלאָרען די האָפנונג צו געפינען א צופרידענעם מענשען. דער קיסר איז פון טאָג צו טאָג אלץ געפעהרליכער געוואָרען.

איינמאָל פארנאכט האָט דעם קיסר׳ס זוהן שפּאצירט אין עק שטאָדט וואו עס וואוינען אלע אָרעמע לייט. ווען ער איז געגאנגען פארביי א חורבה, האָט ער פלוצלונג דערהערט, ווי איינער רעדט דאָרט צו זיך אליין: „וואָס פעהלט מיר? איך האָב אָבגעטהון מיין ארבייט, זאט אָבגעגעסען און אצינד רוה איך זיך אויס. הלואי זאָל מיר קיין מאָל ערגער ניט זיין“.

דער פּרינץ איז גלייך אריין אין חורבה בעטען דאָס העמד ביי אָט דעם צופרידענעם קבצן. דער צופרידענער קבצן איז אָבער אזוי אָרים געווען, אז ער האָט אפילו קיין העמד אויף זיין לייב ניט געהאט.

פלאן:

די קראנקהייט פונ׳ם קיסר. די אונמעגליכקייט צו געפינען א

רפואה פאר'ן קראנקען. די עֵצָה פון אלטען געלעהרטען. די אונמעגליכקייט צו געפינען א צופרידענעם מענשען. דעם פרינצם בעגעגעניש. די אָרימקייט פונ'ם צופרידענעם.

§ 53. דער אוצר.

א גערטענירער האָט געוועלט צוגעוועהנען זיינע קינדער צו גערטע־נירעריי. ווען ער האָט שוין געהאלטען ביים שטארבען, האָט ער צוגערופען צו זיך זיינע קינדער און ער האָט זיי געזאָגט:

— קינדער, ווען איך וועל שטארבען, זאָלט איהר זוכען אין מיין וויינגאָרטען — דאָרט איז עפּעס בעהאלטען.

די קינדער האָבען געמיינט, אז דאָרט איז בעגראָבען אנ'אוצר, און ווען דער פאָטער איז געשטאָרבען, האָבען זיי זיך גענומען גראָבען די ערד און האָבען אין וויינגאָרטען די גאנצע ערד איבערגעגראָבען. קיין אוצר האָבען זיי ניט געפונען. נאָר די ערד אין וויינגאָרטען האָבען זיי אזוי גוט צוגראָבען, אז דעם יאָהר איז געווען א גרויסע גערעטעניש אויף וויינטרויבען, און זיי זענען רייך געוואָרען.

(נאָך טאָלסטאָי).

פּלאַן:

די צואה פון גערטענירער, דער טעות פון זיינע זיהן. גערעטעניש.

§ 54. א געזינד זאלבע אכט.

א געזינד זאלבע אכט,
און בעטען נאָר צוויי,
און קומט אָן די נאכט,
וואו שלאָפען דאן זיי?
דריי מיט'ן טאטען,
דריי מיט דער מאמען,
הענדלעך און פיסלעך
געפלאָכטען צוזאמען.

און קומט אָן די נאכט,
מען דארף זיי אויסבעטען,
דאן הויבט אָן די מוטער
דעם טויט אויף זיך בעטען.
זי מיינט מיט אנ'אמת —
ס'איז ניט קיין וואונדער:
אויך איינג איז אין קבר,
דאָך ליעגט מען בעזונדער.

(א. רייזען).

וואו האָט געוואוינט א געזינד זאלבע אכט? וועלכע מעבעל

איז געשטאנען אינ'ם אָרימען שטיבעל? וואו פלעגען ביי נאכט די קינדער שלאָפען? וואָס פלעגט די אָרימע מוטער טהון ביים אויס־בעטען? פאר וואָס פלעגט זי אויף זיך בעטען דעם טויט.

§ 55. די טייערע קאָפּיקע.

איך בין געגאנגען פון דער ארבייט אליין מיט'ן שומר. אנקעגען מיר איז געגאנגען א מוטער מיט א טאָכטער. די טאָכטער איז געווען א קליין מיידעלע פון א יאָהר ניין.

איך האָב זיי שוין איינמאָל געזעהן. די מוטער איז געווען אנ'אלמנה פון א זעלנער. איהר מאן איז געווען א פער'משפט'ער, און ער איז גע־שטאָרבען אין האָספּיטאָל אין דער פּאלאטע פאר ארעסטאנטען. דאן בין איך דאָרט אויך געלעגען קראנק. דאָס ווייב און די טאָכטער זענען גע־קומען אין האָספּיטאָל זיך געזעגענען מיט'ן געשטאָרבענעם; ביידע האָבען שרעקליך געוויינט.

דערזעהענדיג מיך, איז דאָס מיידעלע רויט געוואָרען, און האָט עפּעס שטיל געזאָגט צו דער מוטער. די מוטער האָט זיך גלייך אָבגע־שטעלט, האָט עפּעס אויפגעזוכט אין א פּעקעלע און האָט עס דערלאנגט דעם מיידעלע. דאָס מיידעלע האָט זיך א לאָז געטהון לויפען נאָך מיר. זי האָט מיר ארייגעשטאָפּט אין האנד א מטבע און האָט געזאָגט: „נעהם, אומגליקליכער, נעהם א קאָפּיקע". איך האָב צוגענומען די קאָפּיקע, און דאָס מיידעלע האָט זיך אומגעקעהרט צו דער מוטער זעהר א צופרידענע.

די קאָפּיקע האלט איך נאָך איצט ביי זיך.

(דאָסטאָיעווסקי).

פלאן:

די בעגעגעניש. די ערינערונגען פונ'ם מיידעלע. איהר נדבה. די טייערקייט פון דער מתנה ביים ארעסטאנט.

§ 56. דער אלטער זיידע און דער אייניקעל.

דער זיידע איז געוואָרען זעהר אלט. די פיס זיינע זענען ניט גע־גאנגען, די אויגען האָבען ניט געזעהן, די אויערען האָבען ניט געהערט;

קיין ציינער האָט ער שוין ניט געהאט. ווען ער פלעגט עסען, פלעגט זיך איהם גיסען צוריק פון מויל. דער זוהן און די שנור האָבען אויפגעהערט איהם צו זעצען ביים טיש און האָבען איהם גענעבען עסען הינטער'ן אויווען. איינמאָל האָט מען איהם געבראכט מיטאָג אין א שיסעלע. ער האָט איהר געוועלט צורוקען, און ער האָט איהר אומגערען אראָבגעוואָרפען און צובראָכען. די שנור האָט אָנגעהויבען זידלען דעם אלטען דערפאר, וואָס ער פיהרט אלץ איבער אין שטוב און צוברעכט די געפעס, און זי האָט געזאָגט, אז איצט וועט זי איהם געבען עסען פון א צעבערטשיק. דער אלטער האָט זיך נאָר אָבגעזיפצט און האָט גאָר נישט געזאָגט.

איינמאָל זיצען דער מאן און די פרוי און קוקען — זייער זוהנעלע שפיעלט זיך אויפ'ן דיל מיט ברעטלעך — ער מאכט עפּעס. דער פאָטער האָט איהם א פרעג געטהון: „וואָס מאכסט דו דאָס, משה'לע?”. משה'לע האָט אָבגעענטפערט: „איך מאך, טאטינקע, א צעבערטשיק. ווען דו און די מאמע וועט ווערען אלט, וועל איך אייך עסען געבען פון איהם”.

דער מאן און די פרוי האָבען זיך איבערגעקוקט צווישען זיך און האָבען זיך צעוויינט. זיי האָבען זיך פערשעמט, וואָס זיי האָבען דעם אלטען אזוי פיעל שלעכטס געטהון. פון דאן אָן האָבען זיי אָנגעהויבען זעצען דעם אלטען צום טיש און איהם אויפפאסען.

(נאָך טאָלסטאָי).

פלאן:

די אלטקייט פונ'ם זיידען. דאָס שלעכטע בעגעהן זיך מיט'ן אלטען. דעם אייניקעלס שפּיעל. די חרטה פון די עלטערען.

---

§ 57. צוויי חברים.

צוויי חברים זענען געגאנגען דורך א וואלד. פלוצלונג האָבען זיי דערזעהן פון דערווייטענס א בער. איינער פון די חברים האָט זיך גע־לאָזען לויפען און איז ארויפגעקראָכען אויף א הויכען בוים; דער צווייטער איז אָבער געבליבען אויפ'ן וועג. ער האָט זיך אוועקגעלעגט אויף דער ערד און האָט ניט געריהרט מיט קיין אבר. אז דער בער איז צו איהם צוגעגאנגען האָט ער אויפגעהערט אפילו צו אטעמען. דער בער האָט איהם ארומגעשמעקט און האָט געמיינט, אז פאר איהם ליעגט א טויטער

קערפּער, און איז זיך אוועקגעגאנגען אין זיין וועג. דאן איז דער ענט־לאָפענער אראָב פון בוים און פרעגט ביי זיין חבר:

— וואָס פאר א סוד האָט דיר דער בער איינגערוימט אין אויער?

— דער בער האָט מיר געזאָגט, — האָט געענטפערט דער געראַטע־טער: — אז פערדאָרבען און פעראכטעט זענען די מענשען, וואָס לאָזען איבער אָהן הילף זייערע חברים אין א געפאהר.

פלאן:

די בעגעגעניש מיט'ן בער. די שרעקעדיגקייט פון איינעם. די רעטונג פונ'ם אנדערען. דער געשפרעך צווישען די חברים.

---

§ 58. דאָס פארלאָשענע ליכט.

הײנטיגעס יאָהר, אזוי ווי תמיד,
ווען יום־כפור קומט, ביין עמוד
שטעלט די פרומע חנה־לאה
זיעבען וואקס־ליכט אין אין רייהע —
זיעבען ליכט פאר זיעבען קינדער,
אום עס זאָל פון זיי ניט מינדער,
חס וחלילה, קיינער ווערען...
הײנטיגעס יאָהר, געוויינט אין טרעהרען,
שטעהט זי אין שוהל צובּיטערט,
און איהר הערץ פון שרעק ציטערט,
און זי חליפעט אויף איהר מחזור:
„גאָט, צו ווייסט אזא'ן אכזר
זיין און מיין געבּעט פערשעמען
און מיין עופ'עלע מיר נעהמען,
מיין מוזיניקעל דעם ליעבען,
וואָס דערהיים איז קראנק געבּליבען?"...
אין שוהל די מאמע חליפעט,
אין דער שטוב דאָס קינד איהרס חריפעט

זיך מיט לעצטע כּחות מאטערט,
צווישען טויט און לעבען פלאטערט.
דאָך די אויגען פון דער מאמען
קוקען אויף די זיעבען פלאמען,
און זי צעהלט זיי: „זיעבען... ריכטיג...
אלע בּרענען קלאָר און ליכטיג,
העל פון יעדען קנויט דער גלאנץ נאָך,
אלע קינדער זענען גאנץ נאָך"...
ווען די זיעבען פלאמען שטילע
וועלען ציהען איבער נעילה,
וועט זי קלאָר און זיכער וויסען,
אז מען האָט דעם גזר צוריסען.
אָבער פּלוצלונג... וואָס בעמערקט זי?
און א שווארצער פּחד ווערגט זי:
איינער פון די קנויטען פינקעלט
שוואכער, שוואכער... ווערט פערדונקעלט,
צאנקט און ציטערט און זיך ראנגעלט,
ווי עס וואָלט איהם לופט געמאנגעלט,
ווי די נוצלאָזע מלחמה
פון אנ'אָרעמער נשמה,
ווען דער טויט מיט שווארצע פליגלען
קומט איהר גורל צו פערזיגלען...
שרעק פארפריהרט דאָס הערצענסבּלוט איהר,
און די וויינענדיגע מוטער
לויפט אהיים צום קינד אָהן אָטעם.
דאָך דער מלאך־המות האָט איהם,
איידער זי איז געקומען,
ס'יונגע לעבען צוגענומען...

ס׳קלאָגט די מוטער אויפ׳ן טויטען...
אין דער שוהל פון זיעבען קנויטען
ברענען זענען זעקס געבליבען —
שוואַרץ איז איינער פון די זיעבען.

(יהואש)

פּלאַן:

חנה־לאה׳ס מנהג צו שטעלען זיעבען ליכט. דער מוטערס קומער. איהרע געדאנקען אין שוהל. דער שרעקליכער סימן. דעם קינדס טויט. דאָס פערלאָשענע ליכט אין שוהל.

---

59 § דער הרוג.

רב זלמן, רב קלמן, צוויי סוחרים,
גערייזט האָבען וויט אין מרחקים.
אין לעדערנעם גארטעל האָט יעדער
געטראָגען א שלל מיט ממתקים.

גערייזט און געשפּאנט, ביז זיי זענען
אין ערגיץ א שטאָדט אָנגעקומען.
ביים טויער האָט איינער פונ׳ם צווייטען
א הייליגע שבועה גענומען:

ווערט איינער חלילה דער׳הרג׳עט
און קומט ניט א היים מעהר בשלום,
ער זאָל צו זיין חבר גלייך קומען
די נאכריכט צו מעלדען אין חלום...

און איינמאָל ביי נאכט אין אכסניא
עס לאָזט ניט רב זלמנ׳ען שלאָפען —
זיין חבר א טויטער איהם נוקעט:
„ס׳האָט מיר אנ׳אומגליק געטראָפען —

מען האָט מיך בערויבט און בע׳גזל׳ט,
מען האָט מיר דאָס לעבען גענומען,
און קומסט דו ניט גלייך, מיין געביין
וועט צו קבר ישראל ניט קומען...

אויסען שטאָדט איז א חורבה
פאראנען;
דערביי אין א ברונען אנ׳אלטען,
פערשטאָפּט שוין פון יאָהרען, דאָרט
האָבען
די מערדער מיין קערפּער בעהאלטען״.

עס מאכט ניט רב זלמן קיין שהיות,
ער זוכט אין דער פינסטער דעם ברונען
אין ברונען רב קלמנ׳ען האָט ער
א קאלטען, א טויטען געפונען.

לקבר ישראל געבראכט האָט
דעם חבר דער טרייער רב זלמן.
בעוואקסען מיט מאָך, די מצבה
נאָך שטעהט אויף דעם אלטען
בית־עלמין.

(יהואש).

פלאן:

די רייזע פון די חברים־סוחרים. זייער שבועה. רבי זלמנ׳ס חלום. דאָס ברענגען רבי קלמנ׳ען לקבר ישראל.

---

§ 60. דער חזיר.

א חזיר, א פערשייטער עם־הארץ,
איז אויף א הויף פערקראָכען צו א פריץ
און מיט זיין חזיר׳שען פערשמירטען שנוק
צוגראָבען זיך אין בלאָטע דאָרט גענוג.
צוריק, ס׳פערשטעהט זיך, איז דער פיינער גאַסט
געקומען אויסגעשמירט, ווי פאר א דבר־אחר פּאַסט...
„נו, — האָבען איהם געפרעגט זיינע חברים,
במחילה, אויך חזירים: —
ס׳מוז ביי די פריצים זיין אודאי ציכטיג
און שען און ליכטיג?
זיי, די נגידים, האָבען, זאָגט מען, האָלט
נור זילבער, דימאַנטען און גאָלד...
— עט! שווער איך אייך — עס איז אלץ גאָלע ליגען...
כ׳האָב דאָרטען ניט געקאָנט בשום אופן קריגען
א שטיקעל ריינעם אָרט.
איך זאָג אייך, אויף מיין וואָרט,
אז כ׳האָב צוגראָבען דאָרטען אלץ,
און אומעטום א בלאָטע ביז׳ן האלז.

מ. ריוועסמאַן.

פלאן:

דער חזיר אויפ׳ן פריצ׳ישען הויף. די פראגען פון זיינע חברים. דעם חזיר׳ס ענטפער.

---

61 §. טרייטעלס פיש־יויך.

— איך בעט דיך, ברודער־לעב, ביים עפעס צו...
— כ'בין זעהר זאט... הלואי ביז מיין ענד־לעבען...
— עט, ברודערעל, לאָז מיך צורוה;
כ'לעבען,
וואָס טויג דיר מעשיות מיר דערצעהלען
און יעדע לעפעלע צו צעהלען?...
עס, ברודערעל, ווי ס'דארף זיין, מיט א גרונד,
און זאָל דיר זיין צו געזונד...
אלץ הייסט א יויך — א פעטער און א הייסער —
ס'מעג עסען האָטש דער קיסר;
א יויך א גאָלדענער — ס'איז פשוט א מחיה...
וואָס שווייגסט דו? שטעל זשע כבוד, יענע־חיה!
א שטיקעלע געפילטע העכט,
בנאמנות, נאָר ניט שלעכט...
א שלייענדיל, א פיש א גרינגער —
וועסט לעקען, זאָג איך דיר, די פינגער...
א פלאָטקעלע — פונקט טאקי א מזומן...
נו, עס, און זאָל דיר וואויל בעקומען.
אזוי האָט געטראקטירט ר' טרייטעל
זיין שכן פייטלען,
געבעטען שטארק,
געשטאנען אויפ'ן קארק.
האָט ניט געלאָזען רוהען איהם א רגע,
ווי ס'גיט זיך איין א פגע...
פייטלען איז שוין היים,
עס גיסט פון איהם א מורא'דיגער שווייס,
נאָר מיט דעם לעצטען כח

עסט פייטעל נעביך נאָך א טעלער יויך.
— אָט־אָט דערפאר, מיין גאָלד,
האָב איך דיר אמת האָלד...
כ'האָב פיינד, אז יענער לאָזט זיך בעטען,
שטארק איינריידען און גלעטען...
גו, ברודערעל! טאָ זיי זשע מיר א מענש!
נעהם נאך א טעלערעל און בענש...
ר' פייטעל, אויף א יויך א גרויסער בעלן,
זעהט אָבער, אז ער ווערט פערפאלען,
און חאפט אין היילע שרעקען
זיין היטעל מיט זיין שטעקען
און לויפט משונה גיך,
ווי אָהן זיך,
מיט אימפעט און מיט האסט,
און שווערט, ביי טרייטלען מעהר ניט זיין קיין גאסט

מ. ריוועסמאן.

פלאן:

פייטעל אין געסט ביי טרייטלען. טרייטעלס כבוד. טרייטעלס צושטעהן. פייטעלס אנטלויפען און זיין בעשלום.

---

§ 62. דער טרעגער.

הארט ביי א גרויסען מאגאזין, פערגארטעלט מיט א גראָבער שטריק, וועלכע זאָגט עדות, אז ער איז א טרעגער, שטעהט ער און קוקט. זיין בליק דריקט אוים פערצווייפלונג. עס איז שוין צווי א זייגער און ער האָט נאָך קיין „אָנהויב" נישט געהאט...

פערביי איהם טראָגען זיך מענשען, טראָגען זיך איילענדיג, נישט קוקענדיג אפילו אין זיין זייט, ווי ער וואָלט א סלופ געווען...

ער בעטראכט זיך, אז שטעהן אזוי איז קיין שכל נישט, מען מוז זעהן אנ'עצה, נאָר די עצה איז — אריינצוקוקען יעדערן אין די אויגען;

געהען אָבער אלע די אויגען אראָבגעלאָזען, און ער קען קיינעמס בליק נישט חאפּען.

ער ווערט צוהיצט און אויפגערעקט, הויבט די היטעל, רייבט די אויגען, און עס ווילט זיך איהם אויסשרייען: „גזלנים, גיט חאַטש א קוק אויף מיר, איך בין דאָך א מענש!“ דעם געשריי דערשטיקט ער אָבער אין הארצען, און עס ווערט איהם נאָך ערגער. און ער נעהמט זיך מיט גרוים כּונה צו קוקען, אפשר וועט איהם אימיצער בעמערקען און א רוף טהון, אוועק-טראָגען א משא. עפּעס א שווערען קאסטען זאָל מען איהם געבען! ער וואָלט מיט איהם געפלויגען, ווי דאָס בעסטע פערד...

נאָר קיינער בעמערקט איהם ניט, קיינער רופט איהם ניט, און מענשען זענען דאָ אזוי פיעל, אזוי פיעל, עס רוישט די גאס.

און פּלוצים דערזעהט ער עפּעס, און זיין פערצווייפלונג וואקסט נאָך מעהר.

יענקיל דער טרעגער שפּאנט אין מיטען גאס מיט א גרויסען שווערען קאסטען, פּונקט אזא קאסטען, נאָך וועלכען ער האָט ערשט געבענקט אזוי.

מיט פינסטערע בליקען פון קנאה, בעגלייט ער יענקיל דעם טרעגער און ברומט ארוים קרעכצענדיג: „אזא קאסטען! אזא קאסטען! אָט איז א מזל“!

(א. רייזען)

פּלאַן:

דער טרעגער „אָהן אנ׳אָנהויב“. זיין פערצווייפלונג. זיין מיטעל צום צוציהען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט. דער פערלאנג פון׳ם פערצווייפעלטען טרעגער. זיין חבר יענקיל מיט א גרויסען קאסטען. די קנאה.

VII. טהעמען צום זעלבסטשטענדיגען בעארבייטען.

§ 63. אונזער דירה.

פּלאַן:

דער צאָהל צימערען און זייערע נעמען. די בעשרייבונג פון יעדען צימער בעזונדער (די דילען, דער באלקען, די ווענד, די טהירען, פענסטער

און אויזוענס; די מעבעל). די מעלות און די חסרונות פון דער דירה (גערוימקייט אָדער איינגשאפט; טרוקענקייט אָדער נאסקייט; ליכטיגקייט אָדער פינסטערניש; דער שטאָק). דער בעליעבטסטער צימער. דער אויס־זיכט פון די פענסטער פון דער דירה.

אויפגאבע: פערפאסט א בעשרייבונג: „מיין צימער"*).

§ 64. אונזער פאמיליע.

פלאן:

די מיטגליעדער פון דער פאמיליע. די בעשעפטיגונג פון יעדען פון זיי. די שפייזער פון דער פאמיליע און זייער וואוינאָרט. דער ליעבלינג פון דער פאמיליע.

§ 65. מיין טאָג.

פלאן:

מיינע בעשעפטיגונגען פונ'ם אויפשטעהן ביז'ן געהן אין שול. אין דער שול (די לעקציאָנען; די צווישען־רוהע). די נאָכמיטאָגס־צייט. דער אָווענד.

אויפגאבע: שרייבט אויף א געשיכטע: „ווי פערברענג איך שבת".

§ 66. אונזער גאס.

פלאן:

דער נאָמען. די ברייט און לענג. די הייזער. די געשעפטען. די בעוועגונג אין גאס. איהר בעלייכטונג ביי נאכט. די איינוואוינער. די מערקווירדיגסטע זאכען אין אונזער גאס. איהר אויסזיכט אין פערשידענע צייטען (זומער, הערבסט, ווינטער און פריהלינג; ביי טאָג, ביי נאכט).

אויפגאבע: פערפאסט א בעשרייבונג: „אונזער הויף".

*) די אויפגאבע און אויך אלע אנדערע, וואָס געפינען זיך אין די §§ פון דער אָבטיילונג, זאָלען די שילער גאנץ פריי און זעלבסטשטענדיג בעארבייטען נאָך אנ'אייגענעם פלאן, אויב דאָס לעצטע איז מעגליך.

67 § אונזער טייך.

דער נאָמען. די ברייט, טיעפקייט און דער שטראָם. די ברעגעס (הויכע, נידעריגע; הוילע, בעוואקסענע אָדער פערבויטע). דאָס לעבען ביי די ברעגעס פונ'ם טייך. די בריקען. די בעוועגונג איבער'ן טייך. די שענסטע ערטער אויף איהם. זיין בעדייטונג פאר'ן האנדעל.

---

68 § אונזער שטאָדט.

פלאן:

I. אלגעמיינע ידיעות וועגען דער שטאָדט:

א) דער נאָמען און אָרט (גובערניע, אויעזד, טייך). ב) די גרויס. ג) דער צאָהל פון די איינוואוינער. ד) די הויפט-טיילען און פאָרשטעדט. ה) די ראָליע פון יעדען טייל אינ'ם לעבען פון שטאָדט.

II. די אויסערליכקייט פון דער שטאָדט:

א) די הויפט-גאסען, פלעצער, גערטנער און פארקען. ב) די מערק-ווירדיגסטע געביידעס און מצבות. ג) די בעלייכטונג. ד) די פערקעהרס-מיטלען (דראָזשקעס, אָמניבוסען, קאָנקעס, טראמוואיען, באהנען, טעלעפאָנען, טעלעגראפען)

III. די בעפעלקערונג נאָך די נאציאָנען.

IV. פאבריקאציאָן און מסחר.

V. די פאָלקס-בילדונג (שולען, ביבליאָטעקען, טעאטערען, צייטונגען).

---

69 § ווי איך בין געפאָהרען אין געסט צו מיינע קרובים.

פלאן:

דער וואוינאָרט פון די קרובים. זייער איינלאדונג אין געסט. די הכנות צום פאָהרען. די וועג. די אויפנאהמע ביי די פריינד. די צייט-

פערוויילונג צו גאסט. די געפיהלען צו דער פערזאָנער פאמיליע, חברים און געבורטס=שטאָדט.

אויפגאבען.

א) שרייבט אָן א בריעף פון צו גאסט אהיים צו די עלטערען.

ב) שרייבט אָן א בריעף צו א קרוב, וועלכען איהר ווילט איינלאדען צו זיך אין געסט.

---

70 § אונזער שול=עקסקורסיע.

פלאן:

די פאָרבערייטונגען צו דער עקסקורסיע. אונזער אונגעדולדיגקייט און נייגיריגקייט. די וועג. די בעזוכטע ערטער. די געזעהענע זאכען. די ערקלערונגען פון די לעהרער. מיינע געפיהלען און געדאנקען אין דער צייט פון דער עקסקורסיע און נאָך איהר.

אויפגאבען:

א) שרייבט אָן א בריעף צו אייערען א חבר (אָדער א חבר'טע) וועגען אייער שול=עקסקורסיע.

ב) שרייבט אָן צו אייער לעהרער (אָדער לעהרערין) א דאנק=בריעף פאר זיינע ערקלערונגען אויף דער שול=עקסקורסיע.

---

71 § דער שילער=באל אין אונזער שול.

פלאן:

די געשפרעכען וועגען דעם שילער=באל. די פאָרבערייטונגען פון די לעהער און פון די שילער. דער טאָג פאר'ן באל. דאָס בילד, וואָס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט ביים אריינגעהן אין זאל. די פאָרשטעלונגען, פאָרלעזונגען, דעקלאמאציעס און מוזיק. די כבוד און פערוויילונגען. די בעסטע טיילען פון דער פראָגראם פון אָווענד. מיין שטימונג אויפ'ן אָווענד און נאָך איהם.

אויפגאבען:

א) בעשרייבט א שמחה-טאָג אין אייער אייגענעם לעבען אָדער אין אייער פאמיליע (אייער געבורטס-טאָג, א חתונה פון א ברודער אָדער א שוועסטער א. א. וו.)

ב) בעשרייבט אייער ערשטען טאָג אין דער שול.

---

§ 72. ווי איך בין דאָס ערשטע מאָל געגאנגען אין טעאטער.

פלאן:

די מעלדונג וועגען דעם קומען פון דער בעוואוסטער טרופע אין אונזער שטאָדט. די אלגעמיינע פרייד און צופרידענהייט. דאָס איינקויפען בילעטען פאר אונזער פאמיליע. מיין אויפגערעקטקייט און אומגעדולדיג-קייט. מיינע הכנות פאר'ן געהן אין טעאטער. דאָס בילד, וואָס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, ווען איך בין אריין אין טעאטער. מיין איבערראשט-קייט. דאָס אויפהויבען פונ'ם פאָרהאנג און די פאָרשטעלונג. די היץ און איינגשאפט. מיין גרויסע אויפמערקזאמקייט און פערטיעפטקייט. דאָס אום-קעהרען זיך א היים. דער איינדרוק פונ'ם פאָרשטעלונג אויף מיר. מיינע געשפרעכען מיט מיינע בעקאנטע אויף מאָרגען נאָכ'ן פאָרשטעלונג.

אויפגאבען:

א) בעשרייבט, ווי איהר האָט דאָס ערשטע מאָל בעזוכט דעם טיער-גאָרטען (זוויערינעץ).

ב) בעשרייבט, ווי האָט איהר דאָס ערשטע מאָל געזעהן, ווי מענשען פליהען אין דער לופטען.

---

§ 73. ווי איך האָב פערבראכט פורים.

פלאן:

די פאָרבערייטונגען צו פורים ביי אונז אין שטוב. מיינע פאָרבע-

פורים. בײַ דער מגלה אין אָװענד און פורים אין דער פרי״ה.
...ח=מנות. ד... סעודה. די פערזװײלונג בײַ דער סעודה.

אויפגאבע:

בעשרײבט, װי האָט איהר פערבראכט די פסח׳דיגע קאניקולען.

---

§ 74. די געשיכטע פון א טראָפּען ים=װאסער.

פּלאן:

דאָס פרײע לעבען פון טראָפּען אין ים. די װאונדערליכע זאכען, װאָס דער טראָפּען האָט געזעהן אין זײַן הײם. די ערשײנונג פון דער זון. די שטרעבונג פונ׳ם טראָפּען אין דער הויך, צו דער ליכטיגער זון. די װאונדערשענע נײַע ערטער, װאָס דער װאסער=טראָפּען האָט זיך אָנגעזעהן. זײַן בענקעניש א הײם. דאָס שטורמישע געזעגענען זיך מיט די װאָלקענס. די װעג צוריק אין ברײטען, פרײען ים אַרײַן.

אויפגאבע:

פערפאסט אנ׳ערצעהלונג מיט׳ן נאָמען: „די געשיכטע פון א זריעה=קערענדעל״.

אינהאלטס=פערצייכניס.

§§ — זייט

פאָרוואָרט III
איינינע בעמערקונגען פאר די לעהרער IV

ערשטע אָבטיילונג.

1. כ—ך 1
2. מ—ם 3
3. נ—ן 5
4. פ—ף 7
5. צ—ץ 9
6. כ, ך און ח 10
7. פ אין סוף וואָרט 11
8. יי ווערט געלעזען עי און אַי 12
9. וי ווערט געלעזען אָי . . . 13
10. י און אי 14
11. ו און או 15
12. יי און איי 16
13. וי און אוי 17
14. או און אוי אין מיטען וואָרט . 19
15. יאַ, יאָ, יו, יע, ייי . . . 20
16. זש און טש 21
17. ב אָדער פ. 23
18. ג אָדער ק . . . . . . ″
19. ד אָדער ט 24
20. וו אָדער פ . . . . . . ″
21. ז אָדער ס 25
22. יע=יי . . . . ″
23. ע=יי 27
24. עה=יי 28
25—29. א שטומער ה פאר ל, מ, נ, ר און אין סוף וואָרצעל. 29

§§ — זייט

30. דאָס ארויספאלען פונ'ם שטומען ה פערבייט די בעדייטונג פונ'ם וואָרט. 36
31. דער אונבעשטימטער ארטיקעל א. 37
32. דער אונבעשטימטער, ארטיקעל אנ' פאר וואָקאלען 39
33. דער פערקירצטער בעשטימטער ארטיקעל 40
34. העברעאישע ווערטער מיט זשאַ=גאָנישע טהלען 41

געמישטע פראזען צום דיקטאט 42
גאנצע ארטיקלען צום דיקטאט 46

צווייטע אָבטיילונג.

טייל — זייט

I. די איינפאכסטע איבונגען אינ'ם אויסלעגען די געדאנקען שריפט=ליך §§ 1—18 57
II. איינצאָל און מעהרצאָהל §§ 19—25 65
III. שריפטליכע געדאנקען אויסלעגונג נאָך פראגען §§ 26—40 . . 67
IV. די פערביטונג פון דער צייט §§ 41—44 76
V. די דירעקטע און אונדירעקטע פאָרמע §§ 45—50 79
VI. די אויסלעגונג פון פרעמדע גע=דאנקען נאָך א פלאן §§ 51—62 81
VII. טהעמען צום זעלבסטשטענדיגען בעארבייטען §§ 63—74 . . . 92